ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת אֱמוֹר

תשפ"ג

298

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע״י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע״י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

צוּזָאגְן אִין מִירוֹן צוּ גֶעבְּן דֶעם נָאמֶען שִׁמְעוֹן, כְּדֵי גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן?..................א

אִיךְ הָאבּ מוֹרָא צוּ פָאְרן לַ״ג בָּעֹמֶר קַיין מִירוֹן, וָואס טוּ אִיךְ?...............................ג

מַאכְן חַאלַאקֶע לַ״ג בָּעוֹמֶר פַאְר׳ן קִינְד וָואס וֶוערְט דְרֵיי יָאר אִין חוֹדֶשׁ אָב? ...........ה

נָאכְ׳ן פִירְן דֶעם סֵדֶר נַאכְט אִין שְׁפִּיטָאל, אִיז דָאס מַיין סֵדֶר פַאְרן גַאנְצְן יָאר?..........ו

מִיטְ׳ן שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי׳ן, הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶעם יוֹם טוֹב .............................ט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

מֶען קֶען טַאקֶע נִישְׁט לֶעבְן אָן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת...........................................א

דֶער סוֹד וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן וֶוען מֶען הָאט צָרוֹת........................................ב

אַן אֵיידֶעלֶער אִינְגֶערְמַאן, דַארְף זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט אֵיידֶעלֶע זַאכְן ........................ג

אִיךְ וִויל דִיר דַאנְקֶען פַארְן מִיךְ מְקַרֵב זַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן .............................ג

אַז אַייעֶר בַּעַל הַבַּיִת וִויל אַייךְ אָפּזָאגְן, אִיז וָואס? לַאכְט זִיךְ גוּט אוֹיס ....................ד

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי הֶעלְפְן טַאטֶע מַאמֶע..........................................ה

קוֹיפְט זִיךְ דִי פָּשׁוּטְ׳סְטֶע טֶעלֶעפָאן, וֶועט אִיר הָאבְן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער ......................ו

דִי סְעוּדַת בַּר מִצְוָה וֶועט זַיין אִין מִירוֹן בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א אִין מִירוֹן...............ז

וַוארְט מִיט גֶעדוּלְד, וֶועסְטוּ הָאבְן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן מִיט דַיין וַוייבּ..............................ח

אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְן אוֹיף דִיר אַלֵיין, וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין ...........................ח

רֶעד שֵׁיין צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן, נִישְׁט מִיט חוּצְפָּה, וֶועלְן זֵיי דִיךְ חַתוּנָה מַאכְן ...........ט

אַייעֶר זוּן זָאל נִישְׁט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה .......................................... יא

אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵׁם בַּאזוּכְן בַּיי אַייךְ אִין שׁוּל אִין טְבֶרְיָה .................... יא
זִיךְ פִּירְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ אוּן זִיךְ זָארְגְן פַאר אִיר טוֹבָה.......................יב
אֲפִילוּ מֶען קֶען זַיין אַ לֶערֶערִין נָאר אוֹיף אֵיין טָאג, אִיז כְּדַאי ..............יב
נֶעם אָן דִי מְלוּמְדוֹת, דַארְפְסְט גָארְנִישְׁט זָאגְן וֶועגְן בְּרֶסְלֶב .................. יג
טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, זָאג גְמָרָא אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט ............. יג
מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג, אוּן בַּאנֵייעֶן דִי שִׁיעוּר אִין גְמָרָא ................ טז
אִיךְ קֶען נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַרוּם פָארְן אוֹיף שַׁבָּתִים............. טז
דִי נִישְׁט גוּטֶע פְּרוּבִּירְן אוֹיפְצוּאַוויֵיזְן וִויפִיל שְׁלֶעכְטְס מֶען הָאט............. יז
רֶעד מִיט דִי קִינְדֶער אַסַאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, וֶועלְן זֵיי זַיין גֶעזוּנְט אוּן רוּאִיג ............יח
דֶער מַאן דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען זַיין וַוייבּ............... יט
עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִיר אוֹיבּ דַיין וַוייבּ זָאל דִיךְ לָאזְן פָארְן קַיין אוּמַאן ...............כ
וִויפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר נָאכְצוּלוֹיפְן דִי בְּהֵמוֹת, גֵיי אַבִּיסְל אַהֵיים............. כא
דִי מוֹסָד וֶוערְט גְרוֹיס אוּן מֶען דַארְף הַאלְטְן וַוייטֶער דִי וַוארֶעמְקֵייט ..............כב
זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ טְרִינְקֶען וַואסֶער אַנְשְׁטָאט זִיסֶע סָאדֶע....................כד
אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶער אִיד גֵייט אִיבֶּער בִּלְבּוּלִים אוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת.................כד
נִישְׁטָא כְּהַיוֹם אַ גְרֶעסֶערֶע הֲפָצָה וִוי דִי חִיזוּק יוֹמִי מְתוּרְגָם ...............כה
דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען מֶעג בַּאשְׁטְרָאפְן אַ קִינְד ....................כו
אִיךְ וִויל אַייךְ אַלֶע אַיינְלַאדֶענֶען צוּ דִי בַּר מִצְוָה פוּן מַיין זוּן ..................כח
נִישְׁט בֶּעטְן פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן גֶעשְׁוָואלֶענֶע פְּרַייזְן פַאר קֶעמְפּ.............. לא
מִנְהָגִים אִין טָאג פוּן מַאכְן חַאלַאקֶע.................................לב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## צוּזָאגְן אִין מִירוֹן צוּ גֶעבְּן דֶעם נָאמֶען שִׁמְעוֹן, כְּדֵי גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער טָאג לַ"ג בָּעֹמֶר, אוּן עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַ סְגוּלָה גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, אַז מֶען זָאל צוּזָאגְן בַּיים צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ אִין מִירוֹן צוּ גֶעבְּן דֶעם נָאמֶען שִׁמְעוֹן פַארְן אִינְגל וָואס מֶען וֶועט הָאבְּן.

שׁוֹין פַארְגַאנְגֶענֶע יָאר הָאבּ אִיךְ דָאס גֶעוָואלְט טוּן, מַיין וַוייבּ הָאט אָבֶער נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, זִי שֶׁעמְט זִיךְ אַז מֶען וֶועט זֶען אַז מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין אַ לַחַץ גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן. אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל נָאר צוּזָאגְן צוּ מַאכְן דִי חַאלַאקֶע אִין מִירוֹן, אָבֶער עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַ יָאר אוּן מִיר זֶענֶען נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן.

יֶעצְט בִּין אִיךְ נָאךְ מֶער בַּאזָארְגְט, נָאכְדֶעם וָואס מַיינֶע יוּנְגֶערֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער הָאבְּן חֲתוּנָה אוּן אֶפְשָׁר וֶועלְן זֵיי הָאבְּן קִינְדֶער פַאר אוּנְז.

זָאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען דֶעם גֶעדַאנְק צוּ טוּן דִי סְגוּלָה אָדֶער נִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ו׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד .. נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

צְוֵויי זַאכְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן; אֵיינְס, הָאבְּן קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קַיין

פַּארְמֶעסְט. אַז אַ יוּנְגֶערֶער אִין דִי מִשְׁפָּחָה הָאט עֶרְשְׁט קִינְדֶער, אָדֶער מֶער קִינְדֶער - אִיז דָאס נִישְׁט אַ צָרָה אוּן נִישְׁט קַיין פַּארְמֶעסְט; קִינְדֶער אִיז אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס אִיז נַארִיש צוּ הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן וֶוען מֶען הָאט, וֶוער עֶס הָאט עֶרְשְׁט, וְויפִיל קִינְדֶער מֶען הָאט אוּן וֶוער עֶס הָאט מֶער קִינְדֶער; מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד בִּיז דִי יְשׁוּעָה קוּמְט.

צְוֵויטְנְס, מֶען קֶען פּוֹעֶלְ'ן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי קִינְדֶער אֲפִילוּ מֶען זָאגְט נִישְׁט צוּ אַז מֶען וֶועט גֶעבְּן אַ נָאמֶען שִׁמְעוֹן. בִּפְרַט וֶוען עֶס אִיז נוֹגֵעַ אִין דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, דַיין וַוייבּ ווִיל נִישְׁט גֶעבְּן שִׁמְעוֹן, זִי שֶׁעמְט זִיךְ וְכוּ' - אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דוּ זָאלְסְט עֶנְדֶערְשׁ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין לַ"ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן אַז דוּ וֶועסְט לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אִיר, דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן; וֶועסְטוּ מִיט דֶעם פּוֹעֶלְ'ן קִינְדֶער.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן פוּנֶעם תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, לא), אַ פָּארְפָאלְק זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אַז זֵיי ווִילְן זִיךְ גֶטְ'ן, הֱיוֹת עֶס אִיז שׁוֹין אִיבֶּער צֶען יָאר וָואס זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן זֵיי זֶענֶען נָאכְנִישְׁט נִפְקַד גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער. הָאט זֵיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן מַאכְן אַ סְעוּדָה פַאר זֵיי גֶטְ'ן זִיךְ. בִּשְׁעַת דִי סְעוּדָה, וֶוען דֶער מַאן אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גוּט בְּגִלוּפִין פוּן אַפָּאר גְלֶעזְלֶעךְ וַויין, הָאט עֶר צוּגֶערוּפְן זַיין וַוייבּ אוּן אִיר גֶעזָאגְט: "הֱיוֹת מִיר הָאבְּן גֶעהַאט שֵׁיינֶע יָארְן צוּזַאמֶען אוּן יֶעצְט גֵייעְן מִיר זִיךְ גֶטְ'ן, ווִיל אִיךְ דִיר גֶעבְּן עֶפֶּעס אַ טֵייעֶרֶע זַאךְ פוּן מַיין פַּארְמֶעגְן, קְלוֹיבּ זִיךְ אוֹיס אַ טֵייעֶרֶע חֵפֶץ פַאר דִיר אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר זִיךְ צֶעשֵׁיידְן", הָאט זִי אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִיר גֶעבְּן אַבִּיסְל צַייט צוּ טְרַאכְטְן.

דֶער מַאן הָאט וַוייטֶער גֶעטְרִינְקֶען וַויין, בִּיז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד טוֹיט שִׁיכּוֹר אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן. הָאט דִי פְרוֹי גֶעבֶּעטְן דִי מְשָׁרְתִים זֵיי זָאלְן אִים אַרַיינְלֵייגְן אִין בֶּעט אוּן אִים בְּרֶענְגֶען צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ, צוּמָארְגְנְס וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן זִיךְ

אַרוּמְגֶעקוּקְט וואוּ עֶר אִיז – הָאט עֶר נִישְׁט פַאַרְשְׁטַאנֶען וָואס דָא גֵייט פָאר, הָאט זִי אִים גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אוּן אִים גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "בְּשָׁעַת מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי סְעוּדָה הָאסְטוּ מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קֶען זִיךְ אוֹיסְוֶועלְן אַ גוּטֶע חֵפֶץ פוּן דַיין פַארְמֶעגְן; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט וִוי דִיר, דוּ בִּיסְט מַיין בֶּעסְטֶע זַאךְ!"

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אוּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זֵיי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ זִי הָאט דִיר אַזוֹי לִיבּ אוּן זִי ווִיל זִיךְ נִישְׁט צֶעטֵיילְן פוּן דִיר, זָאג אִיךְ אַייךְ צוּ אַז אִיבֶּער אַ יָאר וֶועט אִיר הָאבְּן אַ קִינְד", אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער; אַלֶעס נָאר צוּלִיבּ דָאס לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם וָואס אִיז גֶעוֶוען צְוִוישְׁן זֵיי.

דַארְפְסְט נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף לַ"ג בָּעֹמֶר זִיךְ דָאס צוּ מְקַבֵּל זַיין, זַיי זִיךְ שׁוֹין מְקַבֵּל צוּ מְכַבֵּד זַיין דַיין ווַייבּ אוּן אִיר נִישְׁט וֵויי טוּן, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר קִינְדֶער – וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ הָאבּ מוֹרָא צוּ פָארְן לַ"ג בָּעֹמֶר קַיין מִירוֹן, וָואס טוּ אִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל פָארְן דָאס יָאר לַ"ג בָּעֹמֶר קַיין מִירוֹן. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דָארְט צְוֵויי יָאר צוּרִיק בִּשְׁעַת דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע אוּמְגְלִיק רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן זַייט דֶעמָאלְט אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ פָארְן, אָבֶּער אִיךְ בֶּענְק זִיךְ שׁוֹין צוּם רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין דֶעם גְרוֹיסְן טָאג. אוֹיךְ אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ לָאזְן מַיין מַאן פָארְן, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא מֶען זָאל זִיךְ שְׁטוּפְּן דָארְט אוּן עֶס זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ אַ סַכָּנָה חַס וְשָׁלוֹם.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן, זָאל אִיךְ זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דֶעם? אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ פָארְן עֶנְדֶערְשׁ אִין אַ רוּאִיגֶע צַייט? זָאל אִיךְ לָאזְן מַיין מַאן פָארְן? אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער.

אִיךְ בֶּעט אַסאַךְ פַּארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, עֶר זָאל וַוייטֶער קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ אַ בְּרָכָה פַּאר קִינְדֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ו' אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

לַ״ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן אִיז דִי הִלוּלָא [חֲתוּנָה] פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, עֶס וֶוערְט פְרֵיילִיךְ אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת. דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ פָארְן מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה קַיין מִירוֹן צוּ זַיין דָארְט לַ״ג בָּעֹמֶר (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר סְפִירַת הָעֹמֶר, פֶּרֶק ז).

מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט שְׁטוּפְּן, מֶען קֶען זִיצְן אִין אַ שְׁטִילֶע ווִינְקְל אוּן דָארְט בֶּעטְן. מוֹהֲרַא״שׁ פְלֶעגְט אַלֶע יָארְן קוּמֶען לַ״ג בָּעֹמֶר קַיין מִירוֹן, אָבֶּער עֶר אִיז נִישְׁט אַרַיין אִין דִי מַעֲרָה, עֶר הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶועְן אִינְדְרוֹיסְן. מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט, דִי גַאנְצֶע בַּארְג פוּן מִירוֹן אִיז לִיכְטִיג אוּן הֵיילִיג.

דָאס אִיז דֶער לָשׁוֹן וָואס מוֹהֲרַא״שׁ שְׁרַייבְּט (שו״ת בְּרֶסְלֶב חֵלֶק ב', מִכְתָּב רלה): ״בְּמֶשֶׁךְ כָּל הָעֶשְׂרִים וְאַרְבַּע שָׁעוֹת שֶׁל לַ״ג בָּעֹמֶר״, אִין דִי גַאנְצֶע פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה פוּן לַ״ג בָּעֹמֶר, ״כָּל הָהָר כֻּלּוֹ הוּא מְקֻדָּשׁ״, אִיז דִי גַאנְצֶע בַּארְג פוּן מִירוֹן גֶעהֵייליגְט, ״וְהַשִּׂמְחָה וְהָאוֹר מְאִירִים בְּכָל הָהָר הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה״, עֶס שַׁיינְט אַ לִיכְט אוּן מֶען שְׁפִּירְט אַ שִׂמְחָה אוֹיפְן גַאנְצְן בַּארְג. ״אֵיפֹה שֶׁאָדָם יַעֲמֹד אוֹ יֵשֵׁב״, וואוּ מֶען זָאל נָאר שְׁטֵיין אוּן וואוּ מֶען זָאל נָאר זִיצְן - ״יָכוֹל שָׁם לִבְכּוֹת וּלְבַקֵּשׁ עַל נַפְשׁוֹ״, קֶען מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען אוּן אוֹיסְבֶּעטְן, ״וִיקַבֵּל אֶת כָּל מְבֻקָּשׁוֹ״, אוּן מֶען וֶועט בַּאקוּמֶען אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף אוּן אַלֶעס וָואס מֶען בֶּעט.

אִיר דַארְפְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן גֵיין קַיין מִירוֹן, אִיר קֶענְט גֵיין לַ״ג בָּעֹמֶר אוּן אוֹיךְ אַייעֶר מַאן קֶען גֵיין, עֶס אִיז כְּדַאי צוּ זַיין אִין מִירוֹן אֲפִילוּ פַאר אַ שָׁעָה. אִין מִירוֹן לַ״ג בָּעֹמֶר בַּאקוּמְט יֶעדֶער אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן טֵיילְט מַתָּנוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

בִּפְרַט וֶוער עֶס וַוארְט אוֹיף קִינְדֶער; וֶוער עֶס וִויל גְעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער - זָאל גֵיין קַיין מִירוֹן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ, וֶועט עֶר גְעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מַאכְן חַאלַאקֶע לַ״ג בָּעוֹמֶר פַאר'ן קִינְד וָואס וֶוערְט דְרֵיי יָאר אִין חוֹדֶשׁ אָב?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

מַיין אִינְגְל וֶוערְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף דְרֵיי יָאר אַלְט אוּם י' אָב, זָאלְן מִיר מַאכְן דִי חַאלַאקֶע אוּם לַ"ג בָּעֹמֶר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער מִנְהָג אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז, אַז אַלֶע קִינְדֶער וָואס וֶוערְן דְרֵיי יָאר פוּן פּוּרִים אוּן וַוייטֶער, אוּן אַלֶע וָואס וֶוערְן דְרֵיי יָאר בִּיז ט״ו בְּאָב - וַוארְט מֶען, אוּן מֶען אִיז מַקְדִּים - אוֹיף לַ״ג בָּעֹמֶר, מֶען שֶׁערְט זֵיי אָפּ אוּן מֶען מַאכְט זֵיי פֵּיאוֹת לַ״ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן.**

**אַזוֹי בְּרֶענְגְט רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל** (שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת עִנְיַן סְפִירַת הָעֹמֶר דְּרוּשׁ יב, דַף פז)**, אַז זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ״ל הָאט גֶענוּמֶען זַיין זוּן קַיין מִירוֹן אוּן דָארְט אִים גֶעמַאכְט פֵּיאוֹת.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## נָאכ׳ן פִירְן דֶעם סֵדֶר נַאכְט אִין שְׁפִּיטָאל, אִיז דָאס מַיין סֵדֶר פַאֲרְן גַאנְצְן יָאר?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זוֹכֶה בָּרוּךְ הַשֵּׁם צוּ הֶערְן דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אַנְדֶערְשׁ וֵוייס אִיךְ נִישְׁט ווִי אִיךְ וָואלְט זִיךְ גֶעפוּנֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ דַאנְק דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף יֶעדֶע דְרָשָׁה בַּאזוּנְדֶער. אִיךְ הָאב אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אוּן אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן מְקַצֵּר צוּ זַיין.

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם עֶרֶב פֶּסַח הָאט מַיין וַוייב אָנְגֶעהוֹיבְּן זַייעֶר נִישְׁט גוּט צוּ שְׁפִּירְן, אַזוֹי וַוייט אַז בַּיינַאכְט, נָאךְ פַארְן סֵדֶר - הָאבְּן מִיר גֶעדַארְפְט רוּפְן הַצָּלָה וֶועלְכֶע הָאבְּן איר אַרַיינְגֶעפִירְט אִין שְׁפִּיטָאל וואוּ מִיר זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן בִּיז דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג יוֹם טוֹב אִינְדֶערְפְרִי. מַיין וַוייב הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקֶענְט מַאכְן קַיין סֵדֶר, קוֹים גֶעקֶענְט אַרוֹיסְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער: "פֶּסַח, מַצָּה וּמָרוֹר".

דִי הַצָּלָה לַייט הָאבְּן אוּנְז גֶעגֶעבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם זַאכְן פַארְן סֵדֶר, אַזוֹי הָאב אִיךְ גֶעקֶענְט זִיצְן נֶעבְּן דִי בֶּעט פוּן מַיין וַוייב אִין דִי קָארִידָארְן פוּנֶעם שְׁפִּיטָאל אוּן אָפְּרֶעכְטְן אַ סֵדֶר, וֶוען אִינְצְווִישְׁן הָאב אִיךְ כְּסֵדֶר זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט מַיין וַוייב אוּן גֶערֶעדְט מִיט דִי דָאקְטוֹרִים אוּן גֶעהִילְפְן, צוּ טוּן וָואס מֶען דַארְף, בִּיז אִיךְ הָאב גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם "סֵדֶר" אַבִּיסְל פַארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מַיין וַוייב שְׁפִּירְט שׁוֹין יֶעצְט אַסַאךְ בֶּעסֶער, מִיר בּוֹיעֶן ווַייטֶער אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב אִינְאֵיינֶעם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל ווַייטֶער הֶעלְפְן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן צַדִיקִים אַז ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף בַּיים סֵדֶר נַאכְט, אַזוֹי וֶועט זַיין דִי גַאנְצֶע יָאר, דֶער סֵדֶר נַאכְט אִיז אַ סֵדֶר פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר, דֶערִיבֶּער הָאב אִיךְ מוֹרָא, נָאכְן פִירְן אַזַא "סֵדֶר נַאכְט" וֶועט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אוֹיסְקוּקְן גוּט דֶעם גַאנְצְן יָאר. אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר וָואס צוּ טוּן עֶס צוּ פַארְרֶעכְטְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ד׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט בְּשֵׁם צַדִיקִים, מֶען רוּפְט דִי נַאכְט פוּן פֶּסַח ׳לֵיל הַסֵּדֶר׳ וַוייל: ״וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף דִי נַאכְט פוּן פֶּסַח - אַזוֹי וֶועט מֶען זִיךְ פִירְן אַ גַאנְץ יָאר״.

דָאס מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, עֶר זִיצְט בַּיים סֵדֶר מִיט אַ שִׂמְחָה, עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ, עֶר וֶוערְט נִישְׁט אִין כַּעַס אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אֲפִילוּ זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר ווִיל בְּלַייבְּט עֶר וַוייטֶער מִיט אַ דְבֵיקוּת אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט דָאס אִים גֶעבְּן כֹּחַ פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן עֶרְלִיךְ.

מֶען מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אוֹיף וָואס פַאר אַ שְׁטִיל מֶען זִיצְט פֶּסַח בַּיינַאכְט - וֶועט מֶען זִיצְן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן אוֹיבּ מֶען זִיצְט אוֹיף אַ טֵייעֶרֶע הֶסֵב בֶּעט בַּיים לֵיל הַסֵּדֶר - וֶועט מֶען אַ גַאנְץ יָאר זִיצְן אוֹיף אַ שְׁטִיל, אוּן אַז מֶען זִיצְט אוֹיף אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם בֶּענְקְל וֶועט מֶען אַ גַאנְץ יָאר הָאבְּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם בֶּענְקְל; מֶען רֶעדְט פוּנֶעם מַצָּב רוּחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, מֶען אִיז מְרוּצָה וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט - וֶועט דָאס אִים הֶעלְפְן אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

אַז דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער אַזַא מַעֲשֶׂה, צוּ זִיצְן פֶּסַח אִין שְׁפִּיטָאל. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אוּמְגֶערָאכְטְן; דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶעם יוֹם טוֹב, אוּן אַזוֹי פְּלוּצְלוּנְג בִּיסְטוּ גֶעלָאפְן מִיט דַיין וַוייבּ אִין שְׁפִּיטָאל, הָאסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, הָאסְט גֶעמַאכְט אַ סֵדֶר אִין שְׁפִּיטָאל נֶעבְּן דַיין וַוייבְּ׳ס בֶּעט - אִיז דָאס פַאר דִיר אַ גוּטֶע סִימָן, אַז וָואס עֶס וֶועט נָאר אַרִיבֶּערְגֵיין דִי יָאר - וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן מִיט דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה.

וֵוייסְט אַוַדַאי דִי בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה, אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס צוּ זַיין

בַּיי זַיין רֶבִּי אוֹיף פֶּסַח, אוּן עֶס הָאט פַּאסִירְט אַז דִי וָואגְן הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּנְטֶערְוֶועגְּנְס, אִין אַ דָארְף בַּיי אַ פּוֹיעֶר.

דֶער תַּלְמִיד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען וָואס מִיט אִים הָאט פַּאסִירְט; דָא גְרֵייט עֶר זִיךְ אַזוֹי לַאנְג צוּ קוּמֶען צוּ זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף יוֹם טוֹב אוּן דָא אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ פַארְוָוארְפֶּענֶעם פְּלַאץ, בַּיי אַ כַּפְרִי אִין שְׁטוּב. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט בִּכְלַל קַיין מוֹחִין, עֶר הָאט גֶעמַאכְט דֶעם סֵדֶר זֵייעֶר פָּשׁוּט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי הַגָּדָה, גֶעגֶעסְן דִי מַצָּה אוּן גֶעטְרִינְקֶען דִי פִּיר כּוֹסוֹת, עֶר הָאט אַלֶעס גֶעטוּן אָן קַיין כַּוָּנוֹת, אָן קַיין מַעֲשִׂיּוֹת, עֶר הָאט גֶעטוּן רְצוֹן הַשֵּׁם אוּן גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן.

קוּמֶענְדִיגְן טָאג הָאט עֶר שׁוֹין צוּרִיק בַּאקוּמֶען זַיינֶע מוֹחִין, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט 'אַז אִיךְ בִּין דָא אָנְגֶעקוּמֶען אִיז דָאס זִיכֶער נָאר לְטוֹבָה'. עֶר הָאט אָפְּגֶערָאכְטְן דֶעם צְוֵוייטְן סֵדֶר מִיט אַלֶע כַּוָּנוֹת, מִיט אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז אִין דִי לוּפְטְן.

וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פְרֶעגְט אִים דֶער חוֹזֶה: "וואוּ הָאסְטוּ גֶעפְּרַאוֶועט דֶעם עֶרְשְׁטְן סֵדֶר נַאכְט? דוּ הָאסְט לִיכְטִיג גֶעמַאכְט אַלֶע וֶועלְטְן, דַיין הַגָּדָה הָאט גֶעשַׁיינְט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, זָאג מִיר, וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען?" דֶער תַּלְמִיד טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'מִן הַסְתָם מֵיינְט דֶער רֶבִּי צוּ פְרֶעגְן וואוּ אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דִי צְוֵוייטֶע סֵדֶר נַאכְט', דֶער תַּלְמִיד הָאט גָארְנִישְׁט גֶעדֶענְקְט פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע לֵיל הַסֵּדֶר, נָאר וִוי עֶר שְׁטִיקְט זִיךְ פוּן וֵויינֶען אוּן פוּן זַיין צֶעבְּרָאכֶענֶעם מוּט. עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט פַארֶערְכְטְן דֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק זָאגְט אִים: "נִישְׁט דֶעם צְוֵוייטְן סֵדֶר, בַּיי דַיין צְוֵוייטֶע סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אִין הִימְל טוּנְקְל פוּן דִיר, אִיךְ פְרֶעג וואוּ דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען דֶעם עֶרְשְׁטְן סֵדֶר?" עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּיסְט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן.

זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק: "אִיךְ וֶועל דִיר מְגַלֶּה זַיין אַ סוֹד, אִין הִימְל אִיז אַ לֵב נִשְׁבָּר זֵייעֶר חָשׁוּב, וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט בַּיי

זִיךְ אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דַּוְקָא דֶעמָאלְט שַׁיינְט דֶער אִיד אִין אַלֶע וֶועלְטְן. בַּיים עֶרְשְׁטְן סֵדֶר בִּיסְטוּ גֶעוֶוען צֶעבְּרָאכְן אוּן דוּ הָאסְט גֶעטוּן רְצוֹן הַשֵּׁם, הָאסְט גֶעמַאכְט דֶעם סֵדֶר, פוּן דֶעם אִיז לִיכְטִיג גֶעוָוארְן אַלֶע וֶועלְטְן".

דָאס זָאג אִיךְ דִיר, דוּ זָארְגְסְט וָואס גֵייט זַיין מִיט דִיר אַ גַאנְץ יָאר אַז דֶער סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְּרָאסְט, אַזוֹי גָארְנִישְׁט, אַזוֹי נֶעבֶּעכְדִיג; דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן? זָאג אִיךְ דִיר, דַּוְקָא דֶער לֵיל הַסֵּדֶר וִוי דוּ בִּיסְט גֶעזִיצְן אִין שְׁפִּיטָאל נֶעבְּן דַיין וַוייבְ'ס בֶּעט - הָאט גֶעשַׁיינְט אִין אַלֶע וֶועלְטְן, וַוייל וֶוען אַ אִיד טוּט דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אִין דִי מִינוּטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים פַארְקֶערְט - דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב.

שְׁטַארְק זִיךְ, בּוֹי דַיין שְׁטוּב מִיט דַיין וַוייבּ, לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן קֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מִיטְ'ן שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן, הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶעם יוֹם טוֹב

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט מַיין וַוייבּ גֶעבֶּעטְן פוּן מִיר פַאר אֲפִיקוֹמָן אַז אִיךְ זָאל אִיר נָאכְאַמָאל צוּזָאגְן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר. אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ דִי עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן קֵיין קְרִיגֶערַיי דֶערְוֶועגְן, אִיךְ הָאבּ אִיר גְלַייךְ צוּגֶעזָאגְט אַז אִיךְ לָאז אָפּ בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז פוּן יֶעצְט אִיז דֶער רֶבִּי אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מֶער נִישְׁט בְּרֶסְלֶב נָאר אוּמַאן, אִיךְ וֶועל גֵיין צוּם אוּמַאן רֶבִּי אוּן צוּם אוּמַאן רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

אִיךְ בֶּעט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ נָאךְ פְרֵייעֶן דֶערְמִיט, מִיךְ לָאזְן גֵיין מִיט שִׂמְחָה, אוּן מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען אִין דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מוֹסְדוֹת".

וֶוען אִיךְ הָאבּ וֶוען נִישְׁט דִי שִׁיעוּרִים, ווֹאלְט אִיךְ גֶעהַאט אַ צֶעשְׁטֶערְטֶע יוֹם טוֹב, יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׂכֶל.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ג' אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט אִיר צוּגֶעזָאגְט אַז דוּ גֵייסְט נִישְׁט מֶער הָאבְּן מִיט בְּרֶסְלֶב, אַזוֹי הָאסְטוּ גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶעם יוֹם טוֹב אָן מַחֲלֹקֶת.

בְּנוֹגֵעַ צוּזָאגְן; אִיךְ גֶעדֶענְק בַּיי מוֹהֲרָא"ש אַזַא מַעֲשֶׂה, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין צִימֶער וֶוען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען וֵויינֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַז זַיין ווייבּ הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן אִים, זִי וִויל מֶער נִישְׁט לֶעבְּן מִיט אִים - בִּיז עֶר זָאגְט צוּ אַז עֶר פָארְט מֶער נִישְׁט קַיין אוּמַאן, זִי פַארְלַאנְגְט עֶר זָאל אוּנְטֶער שְׁרַייבְּן אַז עֶר גֵייט מֶער נִישְׁט פָארְן קַיין אוּמַאן.

מוֹהֲרָא"ש הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אַוַדַאי זָאלְסְטוּ אַזוֹי טוּן, זָאג אִיר צוּ אַז דוּ פָארְסְט מֶער נִישְׁט קַיין אוּמַאן"; מוֹהֲרָא"ש הָאט אִים גֶעזָאגְט: "וֶוען דוּ זָאגְסְט צוּ - זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן, דוּ זָאגְסְט צוּ דוּ פָארְסְט מֶער נִישְׁט, פִּינְטְל". אַזוֹי ווִי יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין טַאטֶע יִצְחָק (בְּרֵאשִׁית כז, יט): "אָנֹכִי עֵשָׂו בְּכֹרֶךָ", זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (תַּנְחוּמָא הַיָּשָׁן, ט; הוּבָא בְּרַשִׁ"י) עֶר הָאט גֶעזָאגְט "אָנֹכִי", אִיךְ בִּין, פִּינְטְל, אִיךְ בִּין וֶוער אִיךְ בִּין, "עֵשָׂו בְּכֹרֶךָ", עֵשָׂו אִיז דַיין בְּכוֹר. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אִים: "דוּ טְרַאכְט, אִיךְ זָאג צוּ אִיךְ פָאר נִישְׁט מֶער", פִּינְטְל, וואוּ? צוּ דִי לְבָנָה, אוּן מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אִים: "זָאלְסְט טַאקֶע מֶער נִישְׁט פָארְן צוּ דִי לְבָנָה, קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה פָאר אִיךְ יֶעדֶע יָאר"; מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם יֶענֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז צוּרִיק מִיט זַיין ווייבּ אוּן עֶר פָארְט יֶעדֶע יָאר קַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט.

מֶען דַארְף טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַז דִי ווייבּ אִיז אָנְגֶעגֶעסְן אוֹיף בְּרֶסְלֶב, זִי הָאט גֶעהֶערְט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן

– אִיז נִישְׁט כְּדַאי זִיךְ צוּ עַקְשְׁנְ׳עֶן. עֶנְדֶערְשׁ גֶעבְּט מֶען גֶערֶעכְט, מֶען טַעְנָה׳ט נִישְׁט, מֶען גֶעבְּט נָאךְ, אוּן מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט חָכְמָה קֶען מֶען אִיר מְקָרֵב זַיין. אָבֶּער מֶען דַארְף הָאבְּן גֶעדוּלְד, עֶס נֶעמְט צַייט. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי פִּירְט אוֹיס דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי פַארְלוֹירֶענֶע בַּת מֶלֶךְ (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א) :

״דֶער שֵׁנִי לַמַּלְכוּת הָאט זִיךְ פַארְזוֹימְט דָארְט אִין שְׁטָאט, וָוארוּם מֶען מוּז זֶען מִיט חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל מֶען זָאל זִי אַרוֹיסְנֶעמֶען, אוּן צוּם סוֹף הָאט עֶר אִיר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מֶען קֶען טַאקֶע נִישְׁט לֶעבְּן אָן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת צַו, ז׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין שִׁידוּךְ! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, לִיכְטִיגֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת.

יֶעצְט וֶוען דוּ גְרֵייטְסְט זִיךְ צוּ דִי חֲתוּנָה, דוּ גֵייסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן דַיין שְׁטוּב - וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען בַּאנוּצְן מִיט דִי הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער דְרָשׁוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט אוּן גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה בְּמֶשֶׁךְ דִי פוּפְצְן יָאר פוּן וֶוען דוּ בִּיסְט אַרַיין אִין יְשִׁיבָה שְׁנַת תשס״ט, בִּיז יֶעצְט, תשפ״ג אוּן וַוייטֶער, דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת, שֵׂכֶל אוּן חִיזוּק וִוי צוּ לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ; צוּ זַיין אַ סַבְלָן אוּן אַ וַתְּרָן. דִי שֵׂכֶל וִוי צוּ רֶעדְן מִיט אַ וַוייבּ; פָארְלֵייגְן וָואס מֶען ווִיל אוּן וָואס מֶען טְרַאכְט אַז עֶס אִיז גוּט, אוּן אַז דִי וַוייבּ וִויל נִישְׁט - זָאל מֶען נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ, נָאר מִיט אַ שְׁמֵייכְל, מִיט לִיבְשַׁאפְט - טוּן רְצוֹן הַשֵּׁם.

אוֹיבּ הָאסְטוּ גֶעטְרַאכְט בִּיז אַהֶער אַז מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְּן אָנֶעם רֶבִּי׳ן - וֶועסְטוּ יֶעצְט זֶען אַז מֶען קֶען טַאקֶע נִישְׁט לֶעבְּן אָנֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

**דֶער סוֹד וואו מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן וֶוען מֶען הָאט צָרוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת צַו, ז׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

**אָחִי הַיָּקָר, מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ, לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, אֲפִילוּ עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר שְׁוֶועֶרע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת - זָאלְסְטוּ זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן מִיט דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.**

**מִיר בְּלַייבְּן נִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט פַאר אֵייבִּיג, עֶס קוּמְט אַ צַייט וָואס אַלֶע דַארְפְן זִיךְ אוֹיסְטוּן דֶעם גוּף, דִי נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אוּן דֶעם גוּף בַּאגְרָאבְּט מֶען אִין קֶבֶר, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זֶען וָואס אִיז דִי שְׂכַר פוּן הֶעלְפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שיד וּבְהַשְׁמָטוֹת): ״אֲפִילוּ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וֶועלְן גְלִיסְטְן אִין גַן עֵדֶן צוּ דִי נְשָׁמָה וָואס הָאט מִיךְ מְשַׁמֵשׁ גֶעוֶוען״.**

**מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעוִויזְן אַ גוּטֶע פְּלַאץ וואו צוּ אַנְטְלוֹיפְן בְּעֵת צָרָה, אִיךְ טְרַאכְט דִיר אוֹיסְצוּזָאגְן דֶעם סוֹד, דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ קֶענֶען קוּמֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן וֶוען מֶען יָאגְט דִיךְ, אוּן וֶוען עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר בִּיטֶערֶע טֶעג. דֶער סוֹד אִיז: ״בְּצֵל כְּנָפֶיךָ אֶחְסֶה עַד יַעֲבֹר וְגוֹ׳״ (תְּהִלִּים נז, ב), דֶער סוֹד אִיז: ״יוֹם אִירָא״, וֶוען אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, ״אֲנִי אֵלֶיךָ אֶבְטָח״ (שָׁם נו, ד), אַנְטְלוֹיפְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען זוּכְט אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס, מֶען בֶּעט, מֶען שְׁמוּעֶסְט, מֶען דַאנְקְט, בְּסוֹד ״בֵּאלֹקִים בָּטַחְתִּי לֹא אִירָא מַה יַּעֲשֶׂה בָשָׂר לִי״ (שָׁם, ה).**

...

## אַן אֵיידֶעלֶער אִינְגֶערְמַאן, דַארְף זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט אֵיידֶעלֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת צַו, ז׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי אַרְבֶּעט וָואס דוּ ווִילְסְט טוּן וְכוּ׳ - אִיז נִישְׁט פַאר דִיר. דוּ בִּיסְט אַן אֵיידֶעלֶער אִינְגֶערְמַאן, דַארְפְסְטוּ זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט אֵיידֶעלֶע זַאכְן. דִי סָארְט אַרְבֶּעט לָאז אִיבֶּער פַאר אַנְדֶערֶע, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן פוּן מֶער אֵיידֶעלֶע אַרְבֶּעט.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, אוּן דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע נִסִים. הָאסְט אַן אֵשֶׁת חַיִל, אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל, אוּן נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ הָאבְּן קִינְדֶער - זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג זִיךְ מַאכְן צַייט פַאר הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי שְׁפַּאצִירְן צְווִישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים אוֹיף וַוייטֶער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין מְיַיחֵד זַיין יִחוּדִים, דִי פִיר שֵׁמוֹת פוּן ע״ב ס״ג מ״ה ב״ן, בִּפְרַט בַּיים שְׁפַּאצִירְן; אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ שְׁטַארְקֶע לִיכְטִיגְקֵייט, עֶס וֶועט שַׁיינֶען אוֹיף דִיר שְׁכִינַת עֻזּוֹ כְּבוֹדוֹ יִתְבָּרַךְ.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## אִיךְ ווִיל דִיר דַאנְקֶען פַארְן מִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת צַו, ז׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

יֶעצְט וֶוען מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן מִיר דַארְפְן טְרַאכְטְן בְּכָל דוֹר וָדוֹר אַז מִיר אַלֵיינְס זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, ווִיל אִיךְ דִיר דַאנְקֶען פַארְן מִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס דוּ הָאסְט מִיךְ צוּגֶערֶעדְט צוּ

קוּמֶען דַאוֶונֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, דוּ הָאסְט אַ חֵלֶק אִין מַיין יְצִיאַת מִצְרַיִם. דוּ הָאסְט מִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט צוּ מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט מִיר גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם קָאפּ, מִיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מֵצַר-יַם אוּן מִיךְ גֶעלֶערְנְט פֶּה-סָח, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוּן עֶס זָאל זִיךְ צִיעֶן שֵׁיינֶע דוֹרוֹת פוּן זֵיי, קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, עַד בִּיאַת גוֹאֵל.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

### אַז אֵייעֶר בַּעַל הַבַּיִת וִויל אַייךְ אָפְּזָאגְן, אִיז וָואס? לַאכְט זִיךְ גוּט אוֹיס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת צַו, ז׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

וָואס זֶענְט אִיר אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן? וָואס הָאט אִיר מוֹרָא? אַז אֵייעֶר בַּעַל הַבַּיִת זָאגְט אַייךְ עֶר וִויל אַייךְ עֶפֶּעס זָאגְן אָבֶּער עֶר וִויל נִישְׁט צֶעשְׁטֶערְן אַייעֶר יוֹם טוֹב; אִיךְ קֶען אַייךְ שׁוֹין יֶעצְט זָאגְן וָואס עֶר וִויל אַייךְ זָאגְן, עֶר וִויל אַייךְ מִן הַסְתָּם אָפְּזָאגְן. נוּ אִיז וָואס? לַאכְט זִיךְ גוּט אוֹיס, אוּן דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס אִיז נָאר דָאס, וַוייל גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר הָאט בַּאקוּמֶען אַ טֵייעֶרֶע מַתָּנָה פוּן הִימְל, אַ טֵייעֶרֶער מַאן, אַ אִינְגֶערְמַאן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיט גוּטֶע מִידוֹת; וִוי לַאנְג אִיר קוּמְט זִיךְ אוֹיס מִיט אִים - דַארְף אַייךְ גָארְנִישְׁט בַּאדֶערְן.

גֵייט אַרַיין מָארְגְן אִין אַרְבֶּעט אוּן פְרֶעגְט אַייעֶר בַּעַל הַבַּיִת אוֹיבּ עֶר וִויל אַייךְ אָפְּזָאגְן, אוֹיבּ יָא, זָאגְט אִים שֵׁיינֶערְהֵייט יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר בִּיז אַהֶער, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט פְרֶעגְט אִים וָואס עֶר אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן, אוּן לַאכְט אַייךְ גוּט אוֹיס.

אִין אִידִישׁ וֶוען מֶען וִויל שְׁרַייבְּן אַ וֶועג פוּן לַאכְן, שְׁרַייבְּט מֶען חַא

חַא חַא. מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל פוּנֶעם צַדִיק רֶבִּי אֶפְרַיִמְ'ל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, "חַא חַא חַא" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: "חַי אֱמוּנָה, חַי אֱמוּנָה, חַי אֱמוּנָה", זָאגְט רֶבִּי אֶפְרַיִמְ'ל, וֶוער עֶס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה - קֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ בִּין פַּארְנוּמֶען מִיט דִי הֲכָנוֹת פוּן עֶרֶב יוֹם טוֹב, אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעשְׁרִיבְּן נָאר וַוייל אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר כַאפְּט אַ פַּאנִיק אַטַאקֶע, הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעוָואלְט בַּארוּאִיגְן.

...

### נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי הֶעלְפְּן טַאטֶע מַאמֶע

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי א', י"ב נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַייעֶר טַאטֶע שְׁרַייבְּט מִיר אַז אִיר הֶעלְפְּט זֵייעֶר שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ אַריינְבְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח, אוּן אַז אִיר קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער, אִיר מַאכְט יֶעדְן אֵיינֶעם פְרֵיילִיךְ. יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז אִיר זֶענְט אַ רִיכְטִיגֶע בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידָה, אִיר בַּאנִיצְט זִיךְ מִיט דִי שֵׁיינֶע לִימוּדִים וָואס מֶען לֶערְנְט אַ גַאנְץ יָאר אִין בֵּית פֵיגָא, אִיר הֶעלְפְּט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן אִיר זֶענְט מִיט יֶעדְן בְּשָׁלוֹם.

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי הֶעלְפְּן טַאטֶע מַאמֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## קוֹיפְט זִיךְ דִי פָּשׁוּטְ׳סְטֶע טֶעלֶעפָאן, וֶועט אִיר הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי א׳, י״ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אַז אַייעֶר טֶעלֶעפָאן הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן אוּן אִיר ווִילְט ווִיסְן וָואס פַאר אַ טֶעלֶעפָאן אִיר זָאלְט זִיךְ קוֹיפְן; קוֹיפְט זִיךְ דִי פָּשׁוּטְ׳סְטֶע טֶעלֶעפָאן וָואס הָאט גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶעם, נָאר רֶעדְן; אַזוֹי וֶועט אִיר זִיךְ נִישְׁט רַייסְן דִי הָאר פוּן קָאפּ פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אִיר וֶועט הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן. זַייט פְרֵיילִיךְ, לָאזְט נִישְׁט אַרַיין דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּן חָמֵץ, פוּן זִיךְ אַרָאפְּקְלַאפְּן. יֶעצְט רוֹימְט מֶען אוֹיס דִי חָמֵץ, זָאלְט אִיר אַרוֹיסְטְרַייבְּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַייךְ צוּ זִיךְ קְלַאפְּן; גֶעדֶענְקְט, אִיר זֶענְט בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארוּמְט זִיךְ מִיט אַייךְ.

וֶוען אִיר עֶסְט דִי מַצָּה זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט, אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן אַז אַייעֶר מַאן הָאט אַ בָּארְד מִיט פֵּיאוֹת, אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן צִיצִית, אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן אֵיידֶעלֶע קְלֵיידֶער אוּן זִיךְ פַּארְעֶקְלֶען פוּן אוֹיסְגֶעשְׁנִיטֶענֶע, קוּרְצֶע אוּן טֵייטֶע קְלֵיידֶער; וֶוען מֶען עֶסְט דִי מַצָּה קֶען מֶען דָאס פּוֹעֵלְ׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## דִי סְעוּדַת בַּר מִצְוָה וֶועט זַיין אִין מִירוֹן בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אִין מִירוֹן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ"ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף קוּם אִיךְ אוֹיךְ דִי יָאר קַיין מִירוֹן אוֹיף לַ"ג בָּעֹמֶר. אִיךְ קוּם שׁוֹין אוֹיף פֶּסַח שֵׁנִי, מַיין זוּן נַחְמָן נָתָן נֵרוֹ יָאִיר וֶוערְט בַּר מִצְוָה פֶּסַח שֵׁנִי. דִי סְעוּדַת בַּר מִצְוָה וֶועט זַיין אִין מִירוֹן בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ בַּאטֵיילִיגְן בַּיי דִי בַּר מִצְוָה.

אוֹיף שַׁבָּת פַּרְשַׁת אֱמוֹר וֶועל אִיךְ זַיין אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אִין מִירוֹן בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א. אִיךְ דַאוֶוען בַּיי מַיין טַאטֶע אוּן אִיךְ עֶס דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א; "אֵין אוֹרֵחַ מַכְנִיס אוֹרֵחַ" (עַיֵּין בָּבָא בַּתְרָא, צח:), אִיךְ קֶען נִישְׁט אַיינְלַיידֶענֶען קַיין גֶעסְט וֶוען אִיךְ אַלֵיינְס בִּין דֶער גַאסְט.

אִיךְ הָאף זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין, אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶען קַיין טְבֶרְיָ׳ אוּן קַיין יְרוּשָׁלַיִם. יֶעצְט וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וֶוען עֶס וֶועט זַיין דִי שִׁיעוּרִים, מֶען וֶועט מוֹדִיעַ זַיין מֶער נֶענְטֶער דִי פְּרָטִים. (אִין מִירוֹן גֶעבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין שִׁיעוּרִים, אִין מִירוֹן בַּיי מַיין טַאטֶע זִיץ אִיךְ פוּן דֶער זַייט).

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר דִי חָשׁוּבֶ׳עֶ בָּחוּרִים ... אוּן ...., זָאג זֵיי אִיךְ דַאנְק זֵיי פַארְן רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. אוֹיךְ פַאר דִי צְוֵויי בָּחוּרִים ... אוּן ..., פַארְן הֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען דַארְף.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וַוארְט מִיט גֶעדוּלְד, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן מִיט דַיין וַוייבּ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן לִיגְט יֶעצְט אִין דַיינֶע הֶענְט; אַז דוּ וֶועסְט אִיר נָאכְלוֹיפְן אוּן אִיר מְשׁוּגָע מַאכְן - וֶועט זִי אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִיר, אוּן אַז דוּ וֶועסְט אִיר גֶעבְּן דִי גֶעפִיל אַז זִי אִיז דִיר טַייעֶר אֲפִילוּ זִי ווִיל נִישְׁט לֶעבְּן מִיט דִיר וְכוּ׳ - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הָאבּ סַבְלָנוּת. טוּ נִישְׁט נַארִישְׁקֵייטְן, וַוארְט מִיט גֶעדוּלְד - וֶועלְן זִיךְ זַאכְן טוֹישְׁן צוּם גוּטְן. דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע וַוייבּ, אוּן אַז מֶען הָאט אִיר נִישְׁט גוּט גֶעלֶערְנְט - אִיז זִי נִישְׁט שׁוּלְדִיג, אוּן אַז אִיר אִיז שְׁוֶוער דִי גַאנְצֶע זַאךְ וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ אִיר עֶס נִישְׁט מַאכְן שְׁוֶוערֶער.

נֶעם דֶעם רֶבִּינְ׳ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), אוּן פְלַייסִיג זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן. לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט תַּרְגוּם אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, אוֹיךְ לֶערְן מִשְׁנָיוֹת אוּן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא, וֶועסְטוּ זֶען אַז זַאכְן וֶועלְן זִיךְ טוֹישְׁן צוּם גוּטְן.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט הָאבְּן כֹּחַ אוּן שֵׂכֶל אוֹיסְצוּוַאוַוארְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף דִיר אַלֵיין, וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּם נִישְׁט צוּרִיק קַיין אַמֶערִיקֶע, בְּלַייבּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וַוייל דִי

לֶעצְטֶע צְוֵויי זְמַנִים בִּיסְטוּ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה דוּרְכ'ן טָאג. בִּיסְט אוֹיף גַאנְצֶע נֶעכְט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דוּ טוּסְט אִין דִי נֶעכְט, קוּמְסְט בִּכְלַל נִישְׁט אָן אִין יְשִׁיבָה; ווייל אִיךְ נִישְׁט דוּ זָאלְסְט צוּרִיק קוּמֶען.

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף דִיר; דָאס הָאט נִישְׁט מִיט מִיר, דָאס דַארְפְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס בֶּעטְן, דוּ אַלֵיינְס זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף דִיר; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, דוּ וֶועסְט נִישְׁט אָפְלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן אוּן נִישְׁט קוּמֶען. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר הַבָּחוּר ... עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען קַיין אַמֶעריקֶע; נִישְׁט דוּ אוּן נִישְׁט עֶר זָאלְן קוּמֶען.

זוּךְ דִיר מִיט וָואס צוּ זַיין פַארְנוּמֶען דוּרְכ'ן טָאג אוּן לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט שְׁנֶעל טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

...

## רֶעד שֵׁיין צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן, נִישְׁט מִיט חוּצְפָּה, וֶועלְן זֵיי דִיךְ חֲתוּנָה מַאכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ"ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן, רֶעד צוּ זֵיי מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. אוּן אֲפִילוּ דִי הֲלָכָה זָאגְט מֶען קֶען מַאכְן אַ שִׁידוּךְ אָן עֶלְטֶערְן - טָאר מֶען אָבֶּער נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן מִיט עֶלְטֶערְן אוּן רֶעדְן מִיט חוּצְפָּה.

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט הַכְנָעָה, זָאגְן: "טַייעֶרֶע טַאטֶע, אִיךְ וִויל זַייעֶר חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ וֶועל דִיר נָאר

בְּרֶענְגֶען נַחַת" - וֶועט עֶר מַסְכִּים זַיין. אוּן אַז עֶר טַעְנָה'ט: 'וָואס וֶועט זַיין מִיט פַּרְנָסָה? וֶוער וֶועט דִיר הֶעלְפְן מִיט גֶעלְט?' זָאלְסְטוּ אִים דֶערְמַאנֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ג): "אֵין צָרִיךְ לָאָדָם לִדְאֹג עַל פַּרְנָסַת בָּנָיו", מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פוּן וואו דִי קִינְדֶער וֶועלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה, "כִּי כְּשֶׁהֵם גְּדֵלִים, גְּדֵלָה פַּרְנָסָתָם עִמָּהֶם", ווייל וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער, זֵיי וואקְסְן אוֹיף - דֶעמָאלְט וואקְסְט מִיט זֵייעֶר פַּרְנָסָה.

מַמָּשׁ דִי וֶוערְטֶער זָאגְט רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ אִין מַסֶּכֶת עֵירוּבִין (דַּף נד.) אוֹיף דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רַב הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רַב הַמְנוּנָא: "בְּנִי אִם יֵשׁ לְךָ", מַיין קִינְד אוֹיבּ הָאסְטוּ גֶעלְט, "הֵיטֵב לְךָ", נוּץ עֶס פַאר דִיר, "שֶׁאֵין בִּשְׁאוֹל תַּעֲנוּג", ווייל אִין קֶבֶר הָאט מֶען נִישְׁט קַיין הֲנָאָה פוּן גֶעלְט, "וְאֵין לַמָּוֶת הִתְמַהְמֵהַּ", אוּן מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, אִיז אַ שָׁאד אַוֶועק צוּ לֵייגְן גֶעלְט. "וְאִם תֹּאמַר, אַנִּיחַ לְבָנַי חֹק", אוֹיבּ וֶועסְטוּ טְרַאכְטְן, אִיךְ וֶועל אַוֶועק לֵייגְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן עֶסְן, קוֹדֶם כָּל: "בִּשְׁאוֹל מִי יַגִּיד לָךְ", וֶוער וֶועט דִיר מוֹדִיעַ זַיין אִין קֶבֶר אַז דַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן טַאקֶע דִי גֶעלְט אוּן זֵיי נוּצְן דָאס? אוּן נָאךְ אַ זַאךְ, "בְּנֵי הָאָדָם דּוֹמִים לְעִשְׂבֵי הַשָּׂדֶה", מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי וִוי גְרָאז אוּן בְּלוּמֶען, "הַלָּלוּ נוֹצְצִין", דִי שְׁפְּרָאצְן, "וְהַלָּלוּ נוֹבְלִין", אוּן דִי שְׁטַארְבְּן. זָאגְט רַשִׁ"י (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל הַלָּלוּ נוֹצְצִין): "כְּשֶׁהֵן גְּדֵלִין", וֶוען דִי קִינְדֶער וואקְסְן, "גְּדֵלָה פַּרְנָסָתָן", וואקְסְט זֵיי דִי פַּרְנָסָה, "וְעוֹשְׁרָן עִמָּהֶן", זֵיי וֶוערְן רֵייךְ, "וְאֵינְךָ צָרִיךְ לְהִדָּאֵג עֲלֵיהֶן", אוּן מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פַאר דֶעם.

דוּ זֵיי מַמְשִׁיךְ מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׂפְּרַאךְ: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווילְן נִישְׁט, זֵיי זָאגְן אִיךְ דַארְף וַוארְטְן אַפָּאר יָאר. אִיךְ קֶען נִישְׁט וַוארְטְן, אִיךְ וויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ וִויל זַיין אַ שׁוֹמֵר הַבְּרִית, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אִיךְ פַאל, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פּוֹגֵם זַיין. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאב רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר", אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן מִיט עַקְשָׁנוּת נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

אַז דו וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן - וֶועלְן זֵיי מַסְכִּים זַיין דִיךְ חֲתוּנָה צוּ מַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַייעֶר זוּן זָאל נִישְׁט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן נַאכְט צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן פּוֹילְן, אִיךְ הָאבּ עֶרְשְׁט הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי גֶעזֶען אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶנְק קֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר אַייעֶר זוּן אַז אִיךְ הַאלְט אוֹיךְ אַזוֹי, עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה. עֶר הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט, אוֹיבּ קוּמְט עֶר וֶועל אִיךְ אִים זָאגְן עֶר זָאל צוּרִיק אַהֵיים פָארְן.

...

### אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם בַּאזוּכְן בַּיי אַייךְ אִין שׁוּל אִין טְבֶרְיָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ט נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנַיוֹת אוּן דוּ הָאסְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי נַיין אוּן פוּפְצִיגְסְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דִי חֲבֵרִים פוּן טְבֶרְיָה אַז אִיךְ וֶועל מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶען צוּ עֶנְק אִין שׁוּל יֶעצְט וֶוען אִיךְ קוּם קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זִיךְ פִירְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ אוּן זִיךְ זָארְגְן פַאר אִיר טוֹבָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב׳ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ שֵׁיין פִירְן צוּ דַיין וַוייבּ, דוּ וֶועסְט זוּכְן אִין אִיר גוּטֶע זַאכְן, דוּ וֶועסְט אִיר לִיבּ הָאבְּן, דוּ וֶועסְט אִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אִיר זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין - וֶועט זִי צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט דִיר.

וֶוען דִי וַוייבּ שְׁפִּירְט אַז מֶען דַארְף אִיר נָאר פַאר דִי אֵייגֶענֶע הֲנָאָה; מֶען זָארְגְט נִישְׁט פַאר אִיר, מֶען רֶעדְט נִישְׁט שֵׁיין צוּ אִיר וְכוּ׳, מֶען ווִיל אִיר נָאר פַאר דִי אֵייגֶענֶע הֲנָאָה - דָאס מַאכְט אַז זִי זָאל זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם מַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אֲפִילוּ מֶען קֶען זַיין אַ לֶערֶערִין נָאר אוֹיף אֵיין טָאג, אִיז כְּדַאי**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב׳ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז כְּדַאי אִיר זָאלְט גֵיין אִין סְקוּל זַיין אַ סָאבּ (שְׁטֶעלְפַארְטְרֶעטֶערִין), לֶערְנֶען מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ.

אַז דִי לֶערֶערִין זָאגְט אַייךְ אַז 'דִי מֵיידְל זָאלְט אִיר גְלַייךְ אַרוֹיסְשִׁיקְן פוּן כִּתָּה וַוייל זִי שְׁטֶערְט', אוּן 'אוֹיף דִי מֵיידְל זָאלְט אִיר נִישְׁט קוּקְן וַוייל זִי קוּמְט פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבּ וְכוּ׳ וְכוּ׳' - זָאלְט אִיר דַּיְקָא זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ רֶעדְן דַּיְקָא צוּ דִי קִינְדֶער, זַיי מְחַזֵּק זַיין, רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זֵיי.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס קֶען אַיינְפְלַאנְצְן אֱמוּנָה אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אֲפִילוּ מֶען קֶען זַיין אַ לֶערֶערִין נָאר אוֹיף אֵיין טָאג - אִיז כְּדַאי, וַוייל אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין אִידִישְׁקֵייט מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט, מִיט אַ וַוארֶעמְקֵייט - גֶעדֶענְקֶען דָאס דִי קִינְדֶער זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נֶעם אָן דִי מְלוּמְדוֹת, דַארְפְסְט גָארְנִישְׁט זָאגְן וֶועגְן בְּרֶסְלֶב**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב׳ אִיָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאג נִישְׁט וֶועגְן בְּרֶסְלֶב, רֶעד נִישְׁט וֶועגְן פָארְן אוֹיף אוּמַאן רֹאשׁ הַשָׁנָה, אוּן וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וֶועסְטוּ אַיינְמֶעלְדְן אַז דוּ וֶועסְט פֶעלְן פַאר צְוֵויי דְרֵיי טֶעג, אַזוֹי וֶועסְטוּ אַיינְשְׁפָּארְן מַחֲלֹקֶת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ.

נֶעם אָן דִי מְלוּמְדוֹת אוּן לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַהֲבַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

זָאג נִישְׁט פַאר דִי קִינְדֶער אַז דָאס קוּמְט פוּן רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט מֶען זָאל רֶעדְן זַיינֶע דִיבּוּרִים אָן זָאגְן אַז דָאס קוּמְט פוּן אִים, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וָואס אַרְט דָאס מִיר אַז אַ אִיד וֶועט בֶּענְטְשְׁן אַן עֶרְלִיכֶע בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אָן וִויסְן אַז דָאס קוּמְט פוּן מִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, זָאג גְמָרָא אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב׳ אִיָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעמַאכְט שִׁיעוּרִים אִין נַ״ךְ אוּן אִין מִשְׁנַיוֹת.

מַאךְ זִיךְ אוֹיךְ אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס תַּלְמוּד בַּבְלִי, הוֹיבּ אָן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, גֵיי אִין אַ סֵדֶר כְּסִדְרָן. הַיינְט אִיז דָא גְמָרוֹת מְנֻקָּד, מְכוֹן עוֹז וְהָדָר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ שַׁ"ס, מַמָּשׁ עוֹז וְהָדָר, אַ יָפֵי פוּן אַ שַׁ"ס, הֶערְלִיךְ שֵׁיין מִיט נְקוּדוֹת, מִיט פִּינְטְלֶעךְ אוּן קַאמֶעס. זֵיי שְׁרַייבְּן אִין זֵייעֶר הַקְדָמָה אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַרַיינְגֶעלֵייגְט דִי סִימָנִים פוּן אַ קַשְׁיָא אָדֶער תֵּירוּץ ווייל זֵיי הַאלְטְן אַז עֶס פַּאסְט נִישְׁט אִין אַ גְמָרָא, אָבֶער פִּינְטְלֶעךְ אוּן הַאלְבֶּע פִּינְטְלֶעךְ הָאבְּן זֵיי יָא גֶעמַאכְט, עֶס אִיז אַ מְחַיֶ' צוּ לֶערְנֶען אִין זֵייעֶר שַׁ"ס.

הוֹיבּ אָן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, לֶערְן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, אֲפִילוּ אָן פַאַרְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ, רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַאַרְשְׁטֵיין דֶעם פְּשָׁטוּת הַפְּשַׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַאַרְשְׁטֵייט נִישְׁט - זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַאַרְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַאַרְשְׁטַאנֶען.

שְׁטֶעל זִיךְ נִישְׁט אָפּ וֶוען דוּ פַאַרְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דִי גְמָרָא, דוּ לֶערְן וַוייטֶער אֲפִילוּ אָן פַאַרְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד", מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", זָאגְן אִין אַ סֵדֶר אֲפִילוּ מֶען פַאַרְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַאַרְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַאַרְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַאַרְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז

עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", אוּן אוֹיב מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; אוּן אוֹיב מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל", וַוייל דִי מַעֲלָה פוּן לֶערְנֶען אַסַאךְ - שְׁטֵייגְט אַלֶעס אִיבֶּער.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם. אַז מֶען וֶועט דִיר קוּמֶען פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעלֶערְנְט - זָאלְסְטוּ הַאלְטְן פַאר דַיינֶע אוֹיגְן דִי וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָּואָה. (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יג): "וּכְשֶׁתַּגִּיעוּ לְעוֹלָם הָאֱמֶת, אָז תִּיוָכְחוּ צִדְקַת 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד' שֶׁל רַבֵּינוּ זַ"ל", וֶוען אִיר וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן דִי וָוארְהֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, "וְעַל כֵּן מַה וְלָמָּה לָכֶם לְהִתְוַכֵּחַ", אוֹיב אַזוֹי פַארְוָואס זָאלְט אִיר זִיךְ טַעְנָה'עֶן מִיט מֶענְטְשְׁן? "טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב הַשֵּׁם, הַרְגִּילוּ עַצְמְכֶם לָזֶה וְאָז תִּרְאוּ וְתִרְגְּשׁוּ כָּל מִינֵי טַעֲמִים בְּחַיֵּיכֶם", גֶעוואוֹינְט אַייךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען לוֹיט דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר זֶען אוּן שְׁפִּירְן אַלֶע טַעֲמִים אוֹיף דִי וֶועלְט, "כִּי הַתּוֹרָה הִיא חִיּוּתֵנוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא, חִיּוּת גַּשְׁמִי וְחִיּוּת רוּחְנִי", וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דִי תּוֹרָה גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת, "אַשְׁרֵי מִי שֶׁאֵינוֹ מַטְעֶה עַצְמוֹ בָּזֶה הָעוֹלָם כְּלָל, וְיוֹדֵעַ אֲשֶׁר עִיקָר הַלִּימּוּד הוּא רַק לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרֵךְ וְלוֹמֵד עַל מְנָת לְקַיֵּים מִצְווֹתָיו יִתְבָּרֵךְ וְלַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לוֹ יִתְבָּרֵךְ", וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן וֵוייסְט אַז דֶער עִיקָר לִימּוּד הַתּוֹרָה אִיז צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג, אוּן בַּאנֵייעֶן דִי שִׁיעוּר אִין גְמָרָא**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ גֵייט צְוֵויי פַּרְשִׁיּוֹת, פַּרְשַׁת אַחֲרֵי אוּן פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים. הוֹיבּ אָן פוּן הַיינְט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. לֶערְן דִי פַּרְשָׁה מִיט רַשִׁ"י; צַדִּיקִים זָאגְן אוֹיף דֶעם וָואס דֶער מְחַבֵּר זָאגְט: "וִירֵא שָׁמַיִם יִקְרָא תַּרְגוּם וְגַם פֵּרוּשׁ רַשִׁ"י", אַז דֶער יְרֵא שָׁמַיִם זָאל לֶערְנֶען אוֹיךְ רַשִׁ"י, זָאגְן צַדִּיקִים, אַז מֶען וֶוערְט אַ יְרֵא שָׁמַיִם דוּרְךְ לֶערְנֶען רַשִׁ"י.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בַּאנֵייעֶן דַיין שִׁיעוּר אִין גְמָרָא. מַאךְ זִיךְ צְוֵויי שִׁיעוּרִים, אֵיין שִׁיעוּר שַׁ"ס כְּסִדְרָן פוּן אָנְהוֹיבּ אוּן נָאךְ אַ שִׁיעוּר, לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא; אוֹיבּ הָאסְטוּ צַייט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען בֵּיידֶע שִׁיעוּרִים, אוּן אַז נִישְׁט - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען כָּאטְשִׁיג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא. מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּנֶעם חִידָ"א אִין סֵפֶר שֵׁם הַגְּדוֹלִים (מַעֲרֶכֶת סְפָרִים, אוֹת ת) פוּן הַגָּאוֹן מוה"ר רֶבִּי שֶׁעפְּטְל, אַ זוּן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז לִימוּד גְמָרָא דַארְף זַיין אַ חִיוּב פַאַרְן מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי לֵייגְן תְּפִילִין.

הַיינְט הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאךְ אַ זְמַן יְשִׁיבָה, מִיט דִי זֶעלְבֶּע פְּרִישְׁקֵייט וִוי דֶער עֶרְשְׁטֶער זְמַן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיךְ קֶען נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַרוּם פָארְן אוֹיף שַׁבָּתִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע גְרוּסְן אוֹיף אוּנְזֶער בֵּית

הַמֶּדְרָשׁ אִין מָאנְסִי, אוּן אַז דִי גַבָּאִים זֶענֶען זֵייעֶר צוּגֶעלָאזֶענֶע, זֵיי זֶענֶען מְחַזֵּק אוּן שְׁטַארְקְן דִי מִתְפַּלְּלִים.

בְּנוֹגֵעַ קוּמֶען אַ שַׁבָּת אִין מָאנְסִי; יֶעצְט אִיז דָאס נִישְׁט שַׁיָּיךְ, שְׁפֶּעטֶער מִיט דִי יָארְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אִיךְ וֶועל חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער - דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ קֶענֶען פָארְן אוּן קוּמֶען אוֹיף שַׁבָּתִים. דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין, וֶוען מֶען הָאט אַ שְׁטוּבּ מִיט יוּנְגֶע קִינְדֶער - זֵיי דַארְפְן אַ טַאטֶע מַאמֶע. יוּנְגֶע קִינְדֶער דַארְפְן דִי שַׁבָּתִים זֵייעֶר וִויכְטִיג, מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק פָארְן פוּן זֵיי, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר זֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת.

אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב גֵיי אִיךְ אוֹיף שַׁבָּתִים, אָבֶּער עֶס אִיז אַן אֵייגֶענֶע שְׁטוּבּ, עֶס אִיז נָאךְ אַ שְׁטוּבּ פַאר מִיר. אָבֶּער אַרוּם פָארְן אוֹיף שַׁבָּתִים - אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ, אִיךְ קֶען נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן מַיינֶע קִינְדֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת א, ב): "כָּל הָאוֹמֵר שְׁמוּעָה מִפִּי אוֹמְרָהּ יְהֵא רוֹאֶה בַּעַל הַשְּׁמוּעָה כְּאִלּוּ הוּא עוֹמֵד כְּנֶגְדּוֹ", וֶוען מֶען זָאגְט נָאךְ וֶוערְטֶער פוּן דֶעם וָואס הָאט דָאס גֶעזָאגְט - זָאל מֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַזוֹי וִוי דֶער וָואס הָאט דָאס גֶעזָאגְט גֶעפוּנְט זִיךְ דָארְט, ודו"ל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

דִי נִישְׁט גוּטֶע פְּרוּבִּירְן אוֹיפְצוּוַאוייזְן וִויפִיל שְׁלֶעכְטְס מֶען הָאט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בִּין יֶעצְט צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן אַ נְסִיעָה אוֹיף מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר בַּיי אַלֶע צַדִּיקִים; דוּ בִּיסְט מִיר זֵייעֶר טֵייעֶר אוּן זֵייעֶר בַּאלִיבְּט, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר שְׁטֶענְדִיג.

דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִיד אִיז - וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין טַעֲנוֹת אוּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וִוי מֶער מֶען פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיס - בְּלַייבְּט עֶר שְׁטַארְק בַּיי דִי אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים - אִיז גוּט אוּן אַלֶעס אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה.

עֶס אִיז אַ מִלְחָמָה דִי גוּטֶע מִיט דִי נִישְׁט גוּטֶע; דִי נִישְׁט גוּטֶע, דִי קְלִיפּוֹת - פְּרוּבִּירְן שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְצוּאַוֵוייזְן וָואס פֶעלְט אוּן אוֹיפְוַוייזְן וְויפִיל שְׁלֶעכְטְס מֶען הָאט, מֶען דַארְף זִיךְ צִיעֶן צוּ דִי קְדוּשָׁה, נָאר טְרַאכְטְן פוּן דָאס גוּטְס אוּן קוּקְן וָואס מֶען הָאט יָא.

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ.

...

## רֶעד מִיט דִי קִינְדֶער אַסַאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, וֶועלְן זֵיי זַיין גֶעזוּנְט אוּן רוּאִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד הַמְּלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מַסֶּכֶת כַּלָּה רַבָּתִי, פֶּרֶק ב): "בְּכָל יוֹם מַלְאָךְ יוֹצֵא מִלִּפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְחַבֵּל אֶת הָעוֹלָם", יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן ווִיל חָרוּב מַאכְן דִי וֶועלְט, "כֵּיוָן שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִסְתַּכֵּל בְּתִינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, מִיָּד נֶהְפַּךְ כַּעֲסוֹ לְרַחֲמִים", אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט ווִי דִי קִינְדֶער, דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - לָאזְט עֶר נִישְׁט דֶעם מַלְאָךְ זָאל חָרוּב מַאכְן; זֶעט מֶען אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

רֶעד מִיט דִי קִינְדֶער אַסַאךְ דִבּוּרֵי אֱמוּנָה, וֶועלְן זֵיי וֶוערְן גֶעזוּנְט אִין אַלֶע בְּחִינוֹת. ווִי מֶער דֶער מְלַמֵּד רֶעדְט אוּן שְׁמוּעֶסְט פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אֱמוּנָה וּבִטָּחוֹן - וֶוערְט אִין כִּתָּה אַ רוּאִיגֶע לוּפְט, אַ זִיסֶע לוּפְט; דִי קִינְדֶער ווִילְן קוּמֶען אִין חֵדֶר, זֵיי וַוארְטְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען אִין חֵדֶר.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ קֶענֶען מְלַמְּדִים זֶען; דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶּער וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן אַסַאךְ אֱמוּנָה - זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין פְּחָדִים, זֵיי דַארְפְן נִישְׁט דִי טִפּוּלִים פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, דִי קִינְדֶער זֶענֶען

פְרֵיילִיכֶע קִינְדֶער, עֶס פֶעלְט זֵיי גָארְנִישְׁט, און דִי וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶער וואוּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה - דִי דַארְפְן הָאבְן טֶערֶעפִּי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דֶער מַאן דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְן מֶען זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען זַיין וַוייבּ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

אַז דַיין וַוייבּ הָאט אַ שְׁוַואכְקֵייט אִין אִירֶע אוֹיגְן, זִי זֶעט נִישְׁט אַזוֹי גוּט - דַארְפְסְטוּ אִיר מְחַזֵק זַיין און נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם, און אַז אִיר שְׁוֶועסְטֶער מִישְׁט זִיךְ אַרַיין און מֶען צֶעבְרֶעכְט אִיר - זָאלְסְטוּ אִיר מְחַזֵק זַיין און אִיר בַּאשִׁיצְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין לד:): "אִשָּׁה, בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", דֶער מַאן דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ און אַכְטוּנְג גֶעבְן זִי זָאל נִישְׁט וֶוערְן וֵוי גֶעטוּן פוּן קֵיינֶעם.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן אוּנְז (שַׁבָּת נג:): "מַעֲשֶׂה בְּאָדָם אֶחָד שֶׁנָּשָׂא אִשָּׁה גִּדֶּמֶת", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה, אֵיינֶער הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ גֶעלֶעמְטֶע פְרוֹי, "וְלֹא הִכִּיר בָּהּ עַד יוֹם מוֹתָהּ", און עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּסְט אַז זִי אִיז גֶעלֶעמְט, בִּיז זִי אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, הָאט רֶבִּי חִיָּיא גֶעזָאגְט: "כַּמָּה צָנוּעַ אָדָם זֶה שֶׁלֹּא הִכִּיר בְּאִשְׁתּוֹ", עֶס מוּז זַיין אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אֵיידְל אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף זַיין וַוייבּ אִיר גַאנְץ לֶעבְן; עֶס אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וִוי קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט זֶען און וִויסְן אַז זַיין וַוייבּ אִיז אַ גֶעלֶעמְטֶע? און נָאךְ אִיז שְׁוֶוער, וָואס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ? נָאר קֶען זַיין, פְּשַׁט אִיז, אַז זִי הָאט יָא גֶעהַאט הֶענְט און עֶר הָאט גֶעזֶען אִירֶע הֶענְט, אִירֶע הֶענְט הָאבְן זִיךְ גֶעקֶענְט רִיקְן, נָאר זִי הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט און גֶעטוּן, זִי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין

בַּאלֶעבָּאסְטֶע, זִי הָאט גָארְנִישְׁט גֶעטוּן, אוּן אִיר מַאן הָאט דָאס נִישְׁט גֶעזֶען, עֶר הָאט גֶעזֶען אִירֶע מַעֲלוֹת. דִי גְמָרָא רוּמְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזֶען אִירֶע חֶסְרוֹנוֹת, עֶר הָאט גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אַ ווַייבּ; דָאס אִיז אַ גְרוֹיסְקֵייט, דָאס אִיז אַ צָנוּעַ, אַז מֶען זֶעט נִישְׁט דִי חֶסְרוֹנוֹת, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט ווִי מֶען הָאט אַ טוֹיטֶע גֶעלֶעמְטֶע ווַייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִיר אוֹיבּ דַיין ווַייבּ זָאל דִיךְ לָאזְן פָּארְן קַיין אוּמַאן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ג׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרַט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין מִיט תְּפִילוֹת צוּם רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין מִיט דִי פְּלֶענֶער וֶוען צוּ פָּארְן אוּן ווִי אַזוֹי צוּ פָּארְן.

אַז דוּ ווִילְסְט דַיין ווַייבּ זָאל דִיךְ לָאזְן פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִיר; אַז דוּ וֶועסְט אִיר הֶעלְפְן, דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר, דוּ וֶועסְט אִיר מְכַבֵּד זַיין - וֶועט זִי דִיךְ לָאזְן פָּארְן צוּם רֶבִּי׳ן.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם וָואס דִי וֶועלְט זָאגְט: ״פַארְוָואס בְּלָאזְט דֶער שׁוֹפָר אַזוֹי גוּט רֹאשׁ הַשָּׁנָה? ווַייל עֶס לִיגְט אַ גַאנְץ יָאר אִין אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ״, זָאגְט מוֹהֲרָא״שׁ: ״אַז מֶען ווִיל פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וֶוענְדְט זִיךְ דָאס ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר; אַז דִי ווַייבּ זֶעט אַ גַאנְץ יָאר ווִי שֵׁיין מֶען פִירְט זִיךְ, זִי זֶעט וָואס אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד אִיז, מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, מֶען לֶעבְּט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַאן וֶועט זִי נִישְׁט מְעַכֵּב זַיין פוּן פָּארְן קַיין אוּמַאן״, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיז:) ״בְּלָאזְן שׁוֹפָר אִיז אַ חָכְמָה, נִישְׁט קַיין מְלָאכָה״; עֶס גֵייט נִישְׁט מִיט כֹּחַ, עֶס דַארְף גֵיין מִיט חָכְמָה; אַז מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף אַ

גַאנְץ יָאר אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דֶער שׁוֹפָר לִיגְט אִין אָרוֹן קוֹדֶשׁ - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ בְּלָאזְן דֶערְמִיט, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוֶועְרֶע אַרְבֶּעט, עֶס גֶעשֶׁעט אַלֵיינְס.

דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אֲשֶׁר שַׂמְתָּ חֶלְקִי מִיוֹשְׁבֵי בֵּית הַמִּדְרָשׁ, מִיר גֵייעְן יֶעצְט עֶנְדִיגְן דִי פּוּפְּצְנְטֶע יָאר יְשִׁיבָה, מָה אָשִׁיב לַה׳, כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וִויפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר נָאכְצוּלוֹיפְן דִי בְּהֵמוֹת, גֵיי אַבִּיסְל אַהֵיים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ד׳ אִיָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

עֶרְשְׁטְנְס, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין כְּלָלִיוּת׳דִיגֶער בְּרִיוו, דֶער בְּרִיוו אִיז סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִיר גֶעשְׁרִיבְּן.

אוֹיבּ אִיךְ מֶעג זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן אִין דַיין בִּיזְנֶעס - ווִיל אִיךְ דִיךְ פְרֶעגְן: ״וֶוען אַרְבֶּעטְסְטוּ?״ ״וִויפִיל אַרְבֶּעטְסְטוּ?״ ״וָואס זֶענֶען דַיינֶע שָׁעוֹת?״ ״וָואס אִיז דַיין סֵדֶר הַיּוֹם?״ מִיר קוּקְט אוֹיס וִוי דוּ בִּיסְט דֶער מֶענְטְשׁ פוּן סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת (מַעֲשֶׂה יא) וָואס דוּ לוֹיפְסְט נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

זָאג מִיר, דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען דִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד? דַיין וַוייבּ צֶערַייסְט זִיךְ, קוֹים וָואס זִי אָטֶעמְט, וָואס אִיז מִיט דִיר? וִויפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר נָאכְצוּלוֹיפְן דִי בְּהֵמוֹת (דִי עֲבֵירוֹת)?!

דִי שְׁפִּיל גֵייט זִיךְ נִישְׁט עֶנְדִיגְן; דוּ טְרַאכְסְט ׳נָאךְ אֵיין טָאג׳, ׳נָאךְ אֵיין וָואךְ׳; הֶער זִיךְ צוּ, דִי שְׁפִּיל גֵייט מֶען שְׁפִּילְן מִיט דִיר דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אַ שָׁאד דוּ זָאלְסְט נָאכְלוֹיפְן דִי בְּהֵמוֹת אַ גַאנְץ לֶעבְּן. גֵיי אַהֵיים צַייטְלִיךְ, פַארְמַאךְ דִי גֶעשֶׁעפְט. גֵיי צוּ דַיינֶע קִינְדֶער, לֵיין מִיט זֵיי קְרִיאַת שְׁמַע, מַאךְ מִיט זֵיי בְּרָכוֹת, הֶער אוֹיס וָואס זֵיי דֶערְצֵיילְן דִיר אוּן גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער.

בַּיים סוֹף אִיז דֶער בֶּן מֶלֶךְ גֶעקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, וַוייל עֶר הָאט גֶעפָאלְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי מוֹסָד וֶוערְט גְרוֹיס אוּן מֶען דַארְף הַאלְטְן וַוייטֶער דִי וַוארֶעמְקֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ד' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר מֶעסֶעדְזְשׁ.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי נַייעֶ זְמַן אִין בֵּית פֵיגָא סְקוּל מִיט אַ שְׁטַארְקֶע פְרִישְׁקֵייט. אִיךְ הָאבּ בַּאזוּנְדֶער הֲנָאָה צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ אַז אִיר טוּט וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעבֶּעטְן, אִיר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ, אוֹיף דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעוַוארְט; אִיךְ ווִיל אִיר זָאלְט אַסַאךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי תַּלְמִידוֹת, בִּפְרַט דִי עֶלְטֶערֶע, וַוייל בַּיים שְׁמוּעֶסְן וֶוערְט מֶען מֶער נָאנְט, בַּיים שְׁמוּעֶסְן עֶרְלוֹיבְּט מֶען זִיךְ צוּ פְרֶעגְן זַאכְן וָואס מֶען וָואלְט נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט אִין כִּתָּה, עֶס קוּמְט אַרוֹיס נְקוּדוֹת פוּן וָואס צוּ רֶעדְן, בַּיים שְׁמוּעֶסְן קֶען מֶען גָאר אַסַאךְ אוֹיפְטוּן.

אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ מָרַת ... תִּחְיֶ', הֱיוֹת דִי מוֹסָד וֶוערְט גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער - זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן אַ מוֹסָד וָואס פִירְט זִיךְ ווִי אַ מַאשִׁין, סִיסְטֶעמַאטִישׁ; נָאר עֶס זָאל בְּלַייבְּן אַ וַוארֶעמֶע ווִינְקֶל פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער. אַ מִשְׁפָּחָה, אַ פְּלַאץ וואוּ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען בַּאקוּמֶען אֱמוּנָה, אוּן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ' דֶערְצֵיילְט מִיר, זִי הָאט דָאךְ אַ שְׁטוּבּ מִיט עֶלְף טֶעכְטֶער קַיין עַיִן הָרָע, אוּן בַּיי אוּנְז אִין דִי מִשְׁפָּחָה אִיז הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ ווִיכְטִיגֶער ווִי קֶענֶען אוֹיסְנֶוֶוייניג דִי נֶעמֶען פוּן אַלֶע פְּרֶעזִידֶענְטְן פוּן וֶוען

אַמֶעריקֶע שְׁטֵייט; בַּיי אוּנְז אִיז וִויכְטִיג צוּ הֶעלְפְן אַ בַּאבֶּע, אַ מַאמֶע; מֶען לֵייגְט נִישְׁט קַיין גֶעוִויכְט אוֹיף קֶענְסְט יָא, קֶענְסְט נִישְׁט, מֶען רֶעדְט בִּכְלַל נִישְׁט פוּן דֶעם, און מֶען פְלֶעגְט פַארְשִׁיקְן מַיינֶע שְׁוֶועסְטֶערְס פוּן שוּלֶע, וַוייל זֵיי הַאלְטְן נִישְׁט מִיט דִי לִימוּדִים אוּן זֵיי קוּמֶען אוּן גֵייעֶן. מַיין מַאמֶע פְלֶעגְט וֵויינֶען אוּן זִיךְ בֶּעטְן מֶען זָאל לָאזְן דִי קִינְדֶער גֵיין אִין סְקוּל אֲפִילוּ זֵיי קֶענֶען נִישְׁט רֶעכֶענֶען, אוּן אֲפִילוּ זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דִי לִימוּדִים. מַיין מַאמֶע זָאגְט מִיר: "אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דִי מְנַהֶלֶת אוֹיבּ זִי וֵוייסְט בִּכְלַל פַארְוָואס דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער הָאט גֶעעֶפְנְט דִי מֵיידְל שוּלֶע? אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעפְרֶעגְט 'זָאגְט מִיר פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶפְנְט בֵּית רָחֵל?' זִי הָאט נִישְׁט גֶעוִוּיסְט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן".

מַיין מַאמֶע אִיז דָאךְ גֶעבּוֹירְן אִין אַ שְׁטוּבּ וָואס מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶערִירְט אָן דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען הָאט גֶעאָטֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן, הָאט זִי גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט בַּיים עֶפֶענֶען דִי שוּלֶע 'אִיךְ עֶפְן אַ שוּלֶע אַז מֵיידְלֶעךְ זָאלְן הָאבְּן וואוּ צוּ גֵיין אוּן וואוּ צוּ קוּמֶען', נִישְׁט צוּ קֶענֶען שְׁטוּדִירְן"; לְמַעֲשֶׂה אִיז בֵּית רָחֵל גֶעוָוארְן אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס גֵייט סִיסְטֶעמַאטִישׁ, אוּן אוֹיבּ מֶען קֶען דִי לִימוּדִים - קֶען מֶען זַיין אִין סְקוּל, אוּן אַז נִישְׁט - פַארְשִׁיקְט מֶען.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ מָרַת..., אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיף אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער וֶוען אַ סְקוּל וֶוערְט גְרוֹיס עֶס זָאל בְּלַייבְּן הַארְצִיג אוּן וַוארֶעם, בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט גֶעדֶענְקֶען פַארְוָואס מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי סְקוּל, אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען וֶועט הֶערְן וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה, אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען וֶועט זִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: "אִידִישְׁקֵייט אִיז זִיס", "אִידִישְׁקֵייט אִיז שֵׁיין", "אִידִישְׁקֵייט אִיז אַ מְחַיֶּה"; מֶען זָאל בַּאטְרַאכְטְן יֶעדֶע קִינְד בַּאזוּנְדֶער.

בְּנוֹגֵעַ זֶעקְסְטֶע קְלַאס; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה אַז זֵיי גֵייעֶן שׁוֹין דֶעם זוּמֶער זַיין אִין מַחֲנֶה בֵּית פֵיגָא.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ אִיבֶּערְגֵיין דִי נֶעמֶען פוּן דִי לֶערֶערִינְס פַאר זוּמֶער, אוּן

סַיי פַאר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר. אִיךְ וִויל נֶעמֶען דִי בֶּעסְטֶע וָואס אִיז נָאר שַׁיָיךְ פַאר דִי חִינוּךְ פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ טְרִינְקֶען וַואסֶער אַנְשְׁטָאט זִיסֶע סָאדֶע**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ד׳ אִיָיר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְשִׁיבָה קְטַנָּה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ טְרִינְקֶען אִינְדֶערְפְרִי זִיסֶע סָאדֶע, אוּן פַארְן דַאוָוענֶען טָאר מֶען נִישְׁט.

בִּכְלַל זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ טְרִינְקֶען וַואסֶער אַנְשְׁטָאט סָאדֶע, עֶס אִיז מֶער גֶעזוּנְט פַאר דִי גוּף אוּן פַאר דִי זֶעל.

קֶענְסְט הֶערְן מוּזִיק אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה כְּדֵי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן נִישְׁט זַיין בְּעַצְבוּת, גֶעבּ נָאר אַכְטוּנְג דָאס צוּ טוּן פְּרִיוַואט, נִישְׁט בָּרַבִּים.

זָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, זָאג עֶס אוֹיפְן קוֹל, גֶעלַאסְן; דָאס וֶועט דִיךְ טוֹישְׁן פוּן אֵיין עֶק בִּיזְן צְוֵוייטְן עֶק, עֶס וֶועט דִיךְ מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶער אִיד גֵייט אִיבֶּער בִּלְבּוּלִים אוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ה׳ אִיָיר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דָאס וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר, דוּ הָאסְט עֲלִיוֹת אוּן יְרִידוֹת, בִּלְבּוּלִים

און חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, דו בִּיסְט אַזוֹי צֶעמִישְׁט און צוּחוּשְׁט, דו ווִילְסְט אוֹיפְגֶעבְּן; ווייל אִיךְ דִיר זָאגְן וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פון מוֹהֲרַא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם בִּלְבּוּלִים און חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אַלֶעס גֵייט אִים כְּסֵדֶר - אִיז עֶר נָאךְ אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ, עוֹלָם הַדִּמְיוֹן; ווַייל דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד מוּז אַרִיבֶּערְגֵיין יֶעדְן טָאג דָאס אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער.

מוֹהֲרַא״שׁ דֶערְצֵיילְט, אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם גְרוֹיסְן גֶעטְלִיכְן מַאן רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "פוּן ווִי קֶען אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ בִּין נִישְׁט אִין עוֹלָם הַדִּמְיוֹן, עוֹלָם הַתֹּהוּ?" הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ דוּ טְרַאכְסְט אַז אַלֶעס גֵייט דִיר כְּסֵדֶר, אָן קַיין עֲלִיּוֹת און יְרִידוֹת - אִיז דָאס אַ סִימָן אַז דוּ בִּיסְט נָאךְ אִין עוֹלָם הַדִּמְיוֹן, עוֹלָם הַתֹּהוּ, ווַייל אוֹיף יֶעדְן עֶרְלִיכֶער אִיד מוּז אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אִים יֶעדְן טָאג עֲלִיּוֹת, יְרִידוֹת, בִּלְבּוּלִים, חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וְכוּ' וְכוּ'".

בְּרוּדֶער, לִיבֶּער בְּרוּדֶער, לָאז דִיךְ נִישְׁט, לָאז דִיךְ נִישְׁט נָאךְ, הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, קוּם צוּרִיק צוּ דִי קְדוּשָּׁה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נִישְׁטָא כְּהַיּוֹם אַ גְרֶעסֶערֶע הֲפָצָה ווִי דִי חִיזוּק יוֹמִי מְתוּרְגָם**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ה' אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד דִי חָשׁוּבְ'עֶ חַבְרֵי הַנְהָלָה פוּן הַדְפָּסָה, קְרִיַּת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס פְלֶעגְט מְתַרְגֵּם זַיין דִי חִיזוּק יוֹמִי אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט דָאס צוּ מַאכְן, עֶר אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה פַאר זַיין שְׁטוּב, עֶר אִיז נָאר גְרֵייט מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין אוֹיבּ עֶר וֶוערְט בַּאצָאלְט.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דִי בֵּית הַדְפוּס ווִיל דָאס נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ און בַּאצָאלְן, לְדַעְתִּי אִיז נִישְׁטָא כְּהַיּוֹם אַ גְרֶעסֶערֶע הֲפָצָה ווִי דִי חִיזוּק יוֹמִי

מְתּוּרְגָם אוֹיף לְשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ; ווִיפִיל סְפָרִים אִיר וֶועט נָאר דְרוּקְן, וְויפִיל סְפָרִים דִי בֵּית הַדְּפוּס הָאט שׁוֹין גֶעדְרוּקְט און וויפִיל סְפָרִים דִי מְפִיצִים זָאלְן פַּארְפְּלֵייצְן - קוּמְט דָאס נִישְׁט אָן צוּ וָואס דִי חִיזּוּק יוֹמִי טוּט אִין אֵיין טָאג. דֶער אִינְגֶעְרְמַאן שְׁמוּאֵ׳לִיק וָואס שִׁיקְט דָאס אַרוֹיס (עֶר בֶּעט נִישְׁט קַיין גֶעלְט) זָאגְט מִיר, עֶר שִׁיקְט דָאס טֶעגְלִיךְ פַּאר קָרוֹב צוּ צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן, און נָאכְדֶעם קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט נָאכְגֵיין צוּ וִויסְן וְויפִיל פוּן דִי צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן שִׁיקְן דָאס וַוייטֶער אוֹיף זֵייעֶרֶע גְרוּפְּס, אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ שָׁאד אַז דָאס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט.

לָאזְט מִיר וִויסְן עֶנְדְגֶער הַחְלָטָה, וַוייל אוֹיב אִיר ווִילְט נִישְׁט דָאס אִיבֶּערְנֶעמֶען וֶועל אִיךְ דַארְפְן עֶפֶּעס אַ פְרִישֶׁע פוּשְׁקֶע בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד.

...

**דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען מֶעג בַּאשְׁטְרָאפְן אַ קִינְד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ה׳ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, צְפַּת**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס אִיז נִישְׁט דִי וֶועג, מֶען טָאר נִישְׁט בַּאשְׁטְרָאפְן אַ קִינְד מִיט נִישְׁט גֶעבְּן עֶסְן; דָאס וָואס אִיר זָאגְט, אִיר הָאט גֶעהֶערְט אַז אִיךְ טוּ דָאס מִיט מַיין קִינְד, אִיךְ בַּאשְׁטְרָאף מִיט נִישְׁט גֶעבְּן עֶסְן - אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, אִיךְ טוּ דָאס נִישְׁט; מֶען טָאר נִישְׁט בַּאשְׁטְרָאפְן אַ קִינְד מִיט נִישְׁט גֶעבְּן עֶסְן, מֶען קֶען בַּאשְׁטְרָאפְן מִיט נִישְׁט גֶעבְּן אַ נַאשׁ, אַן אִיבְּרִיגֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן - אָבֶּער נִישְׁט מִיט עֶסְן; בִּפְרַט וֶוען דָאס קִינְד הָאט נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעגֶעסְן אַ גַאנְצְן טָאג.

מֶען קֶען נִישְׁט דְרוּקְן אוֹיפְן קִינְד. עֶס אִיז דָא פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אַ גַאנְצֶע קַאפִּיטְל אִין סֵפֶר חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן (סִימָנִים תל-תלה) פוּן זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁנְ׳עֶן און נִישְׁט דְרוּקְן אוֹיף קִינְדֶער; וָואס וֵוייסְט אִיר פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין אִין חֵדֶר, אֶפְשָׁר מַאכְט דֶער רֶבִּי אַ גֶעשְׁפֶּעט וֶוען אַ קִינְד קוּמְט שְׁפֶּעט אִין

חֵדֶר, און אַז אִיר הָאט אִים בַּאצְווּינְגֶען צוּ גֵיין אִין חֵדֶר - אִיז עֶר נִיטְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען אִין חֵדֶר, עֶר הָאט זִיךְ גֶעדְרֵיידְט אִין גַאס, דָאס אִיז דָאךְ אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה.

עֶס אִיז הַיינְט דָא מְלַמְדִים וָואס זֶענֶען רוֹצְחִים. מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען, אַמָאל הָאט מֶען גֶע'רַצְח'ט דִי קִינְדֶער, הַיינְט אִיז גוּטֶע צַייטְן; עֶס אִיז נִישְׁט וָואר, עֶס אִיז הַיינְט דָא מְלַמְדִים וָואס צֶעקְלַאפְּן קִינְדֶער אוֹיף אַ וֶועג אַז דָאס קִינְד זָאל בְּלַייבְּן צֶעקְלַאפְּט זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

אַ מְלַמֵד דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט מִיטְגֶעהַאלְטְן יֶעצְט אַ מַעֲשֶׂה אִין אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה וָואס הָאט אַ גָאר גוּטֶע נָאמֶען, דִי בֶּעסְטֶע מִשְׁפָּחוֹת שִׁיקְן דָארְט. אַ קִינְד פוּן כִּתָּה א' הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן זַיין מְלַמֵד עֶר ווִיל אַהֵיים גֵיין, דֶער מְלַמֵד זָאגְט אִים: "אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט אַהֵיים גֵיין - גֵיי צוּם מְנַהֵל". עֶר גֵייט צוּם מְנַהֵל און זָאגְט: "אִיךְ ווִיל אַהֵיים גֵיין". דֶער מְנַהֵל קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה, עֶר מַאכְט שְׁטִיל דִי כִּתָּה און פְרֶעגְט: "וֶוער הָאט אַ דַאלִי אִין שְׁטוּבּ?" אַלֶע קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן אוֹיס: "אִיךְ!" פְרֶעגְט דֶער מְנַהֵל דִי קִינְדֶער: "אַ דַאלִי גֵייט אִין חֵדֶר?" שְׁרֵייעֶן אַלֶע: "נֵיין!" פְרֶעגְט דֶער מְנַהֵל: "וֶוער גֵייט אִין חֵדֶר? נָאר וואוֹילֶע קִינְדֶער!" און דֶער מְנַהֵל דְרֵיידְט זִיךְ אוֹיס צוּם אוּמְשׁוּלְדִיגְן קִינְד, און הוֹיבְּט אָן לַאכְן פוּן אִים: "דוּ ווִילְסְט אַהֵיים גֵיין וַוייל דוּ בִּיסְט אַ נִישְׁט וואוֹילֶער קִינְד, וַוייל נָאר וואוֹילֶע קִינְדֶער ווִילְן זַיין אִין חֵדֶר".

וָואס מֵיינְט אִיר? דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג - דֶערְצֵיילְט דֶער מְלַמֵד, נִישְׁט דֶער כִּתָּה א' מְלַמֵד, אַ מְלַמֵד פוּן אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה, עֶר הֶערְט ווִי דִי קִינְדֶער מַאכְן חוֹזֶק פוּן דֶעם קִינְד, זֵיי שְׁפֶּעטְן, אַלֶע בַּאזִינְגֶען אִים: "דוּ בִּיסְט אַ דַאלִי, דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַ וואוֹילֶער קִינְד"; פְרֶעג אִיךְ אַייךְ, מֶעג אַזַא אֵיינֶער זַיין אַ מְנַהֵל אִין אַ חֵדֶר? נֶעמֶען אַ קְלֵיין קִינְד, אַן אוּמְשׁוּלְדִיג קִינְד און אִים צֶעקְלַאפְּן און אִים צוּנַאר מַאכְן?!

אַגַב, אִין שְׁטֶעטְל, אוּנְזֶער קִינְדֶערְגַארְטְן מְלַמֵד דֶערְצֵיילְט מִיר, עֶר הָאט אַ קִינְד אִין כִּתָּה וָואס פוּן אָנְהוֹיבּ יָאר יֶעדְן טָאג, פוּן מִיטָאג צַייט - הוֹיבְּט עֶר אָן קְוֶועטְשְׁן: "רֶבִּי, אִיךְ ווִיל אַהֵיים גֵיין"; זָאגְט מִיר דֶער מְלַמֵד:

"אִיךְ זָאג אִים, 'מֶען גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט אַהֵיים', אוּן דֶער קִינְד בַּארוּאִיגְט זִיךְ", אַ שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער הוֹיבְּט עֶר נָאכְאַמָאל אָן קְוֶועטְשְׁן: "אִיךְ וִויל שׁוֹין אַהֵיים גֵיין", אוּן דֶער מְלַמֵּד וֶוערְט נִישְׁט נֶערְוֶועז, עֶר צִיט אִים נִישְׁט בַּיים אוֹיעֶר, עֶר מַאכְט נִישְׁט קַיין גֶעשְׁפֶּעט פוּן אִים, עֶר זָאגְט אִים נָאכְאַמָאל מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "נָאךְ אַבִּיסְל גֵייט מֶען אַהֵיים".

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרע קִינְדֶער, בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן פַאר זֵיי, אוּן גֵייט אוּם מִיט זֵיי מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן גֶעדוּלְד - וֶועט אִיר הָאבְּן נַחַת פוּן זֵיי אַלֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיךְ וִויל אַייךְ אַלֶע אַיינְלַאדֶענֶען צוּ דִי בַּר מִצְוָה פוּן מַיין זוּן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ז' אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**צוּ מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּם אִיךְ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, אִיךְ וֶועל זִיךְ אוֹיפְהַאלְטְן בְּעִיקָּר אִין מִירוֹן בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, אִיךְ וֶועל זַיין פַאר אֵיין וָואךְ, פוּן פֶּסַח שֵׁנִי - בִּיז מוֹצָאֵי לַ"ג בָּעֹמֶר. אִיךְ הָאף צוּ קוּמֶען בַּאזוּכְן בַּיי אַייךְ אִין שׁוּל, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ עֶנְק.

אִיךְ וִויל אַייךְ אַלֶע אַיינְלַיידֶענֶען צוּ דִי בַּר מִצְוָה פוּן מַיין זוּן הַיֶּלֶד יַנִיק וְחַכִּים נַחְמָן נָתָן נֵרוֹ יָאִיר. דִי סְעוּדָה וֶועט זַיין לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת אֱמוֹר, פֶּסַח שֵׁנִי, עֶס וֶועט זַיין אִין מִירוֹן אִין חָצֵר, בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַייךְ צוּ זֶען בַּיי מַיין שִׂמְחָה. נָאר אַז עֶס אִיז אַייךְ נִישְׁט שְׁוֶוער; עֶס אִיז עֶרֶב שַׁבָּת, אוֹיב אִיז אַייךְ שְׁוֶוער צוּ קוּמֶען - וֶועל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר וֶועט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב הֶעלְפְן אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת.

מִיר אִיז אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה צוּ קֶענֶען מַאכְן דִי בַּר מִצְוָה אִין מִירוֹן. דֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר הָאט אַ גֶעפִּיל אִינֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר, עֶר לֶערְנְט יֶעדְן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי מִיט זַיין עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער שִׁמְעוֹן נֵרוֹ יָאִיר דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר אוּן עֶר אִיז מְחַדֵשׁ שֵׁיינֶע חִידוּשִׁים; אִיז פַּאסִיג אַז דִי בַּר מִצְוָה אִיז אִין מִירוֹן, וַוייל אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר - הָאט מֶען אַ שַׁיְיכוּת מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן אַלֶע הֵיילִיגֶע צַדִיקִים.

אִיךְ ווִיל אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אִין שְׁטוּב מִיט דִי וַוייבּ, וַוייל נָאר אַז מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם - קֶען מֶען זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן. דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶעס צוּ מַאכְן אַ בְּרוֹגֶז צְווִישְׁן דִיר אוּן דַיין וַוייבּ, אוּן אָךְ אוּן וֵויי אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ; מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס.

מִיט אַייךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֶען מֶען רֶעדְן דִי קַבָּלָה שְׂפְּרַאךְ. אַ מֶענְטְשׁ אִיז צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן צֶען סְפִירוֹת, דֶער גֻּלְגֹּלֶת אִיז 'כֶּתֶר', דִי מֹחַ אִיז 'חָכְמָה' אוּן דִי הַארְץ אִיז 'בִּינָה'. דִי רֶעכְטֶע הַאנְט אִיז אַנְטְקֶעגְן 'חֶסֶד', דִי לִינְקֶע הַאנְט אִיז אַנְטְקֶעגְן 'גְּבוּרָה' אוּן דֶער גוּף אִיז אַנְטְקֶעגְן 'תִּפְאֶרֶת'. דִי רֶעכְטֶע פוּס אִיז אַנְטְקֶעגְן 'נֶצַח', דִי לִינְקֶע פוּס אִיז אַנְטְקֶעגְן 'הוֹד', אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ אִיז 'יְסוֹד' אוּן דִי וַוייבּ אִיז 'מַלְכוּת', אוּן מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אַלֶעס זָאל זַיין אִינְאֵיינֶעם. דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל נָאר אָפְּטֵיילְן צְווִישְׁן דִי סְפִירוֹת, אָפְּטֵיילְן צְווִישְׁן מִידַת יְסוֹד אוּן מַלְכוּת, אוּן אַז מֶען טֵיילְט אָפּ יְסוֹד פוּן מַלְכוּת אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס; מֶען טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקסג): "אִין דִי צַייטְן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מֶען גֶערוּפְן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה 'שָׂרָה', אִין דִי צַייטְן פוּן יִצְחָק אָבִינוּ הָאט מֶען גֶערוּפְן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה 'רִבְקָה', אִין דִי צַייטְן פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט מֶען גֶערוּפְן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה 'רָחֵל אוּן לֵאָה'", אוּן דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס: "וְכֵן הוּא אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד", אוּן אַזוֹי אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, דִי וַוייבּ אִיז בְּחִינַת שְׁכִינָה, דֶעם מַאן'ס מַלְכוּת; דַארְף מֶען זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין אוּן הַאלְטְן חָשׁוּב דִי וַוייבּ.

אַ וַוייבּ קֶען מֶען נִישְׁט פָּאפְּן, דִי לֶעצְטֶע מֶענְטְשׁ וֶועם צוּ פָּאפְּן - אִיז

זִי; אַז זִי שְׁפִּירְט ווִי מֶען דַארְף אִיר נָאר פַאר דִי אֵייגֶענֶע הֲנָאָה, מֶען הָאט אִיר נִישְׁט לִיבּ, מֶען דַארְף אִיר נִישְׁט, מֶען רֶעדְט נִישְׁט שֵׁיין צוּ אִיר, מֶען דַארְף אִיר נָאר פַאר זִיךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳ - דֶעמָאלְט ווִיל זִי נִישְׁט לֶעבְּן מִיטְן מַאן, זִי קוּקְט אַרָאפּ אוֹיפְן מַאן. אָבֶּער אַז מֶען הַאלְט אִיר טֵייעֶר, מֶען רֶעכְנְט זִיךְ מִיט אִיר, מֶען רֶעדְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ אִיר, מֶען בְּרֶענְגְט אִינְאֵיינֶעם דִי סְפִירוֹת - דַאן שַׁיינְט אוּן לַייכְט דִי מֹחַ.

נָאךְ אַ זַאךְ ווִיל אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן, הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ אִיד הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוּן קַשְׁיוֹת, אַ גוֹי הָאט טַעֲנוֹת אוּן קַשְׁיוֹת (תְּהִלִּים עט, י): "'לָמָּה' יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם"; דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִיד אִיז - עֶר ווֵייסְט גָארְנִישְׁט, עֶר פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט אוּן ווִיל נִישְׁט ווִיסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין; ווַייל מֶען קֶען גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אוּן אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ אוּן מֶען בַּאקוּמְט עֶס נִישְׁט - טָאר מֶען נִישְׁט פְרֶעגְן 'וואוּ זֶענֶען אַלֶע מַיינֶע תְּפִילוֹת?' אַז מֶען פְרֶעגְט אַזַא קַשְׁיָא - ווַייזְט דָאס אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז יֶעדֶע תְּפִלָּה גֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן דִי תְּפִילוֹת אוּן עֶר טוּט נָאר ווָאס אִיז גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ.

אִיךְ ווִיל עֶנְק נָאכְאַמָאל אַיינְלַיידֶענֶען צוּ מַיין שִׂמְחָה, אוֹיבּ עֶס אִיז אַייךְ נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ קוּמֶען קַיין מִירוֹן. אִיךְ הָאף צוּ קוּמֶען בַּיי אַייךְ אִין שׁוּל, אִיךְ וֶועל דָאס מֶעלְדְן דוּרְךְ דִי גַבָּאִים.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## נִישְׁט בֶּעטְן פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן גֶעשְׁוָואלֶענֶע פְּרַייזְן פַּאר קֶעמְפּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ז׳ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, אַדְמִינִיסְטְרַאטָאר מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן, מֵהַיוֹם וְהָלְאָה זָאל מֶען נִישְׁט בֶּעטְן פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן פַּאר קֶעמְפּ-גֶעלְט דִי גֶעשְׁוָואלֶענֶע פְּרַייזְן פוּן דְרֵיי טוֹיזְנְט דָאלֶער אַ קִינְד. אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַלֶע וָואס זֶענֶען אַ טֵייל פוּן אוּנְזֶער קְהִילָה, זֵיי שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת - קֶענֶען שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין קֶעמְפּ אָן צָאלְן דִי גֶעשְׁוָואלֶענֶע פְּרַייזְן, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין זִין, מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן.

נֶעכְטְן רוּפְן מִיר עֶלְטֶערְן, זֵיי ווֵייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים זֵייעֶר פְּרֵיילִיךְ אוּן אָנְגֶעבְרֵייצְט, סֵיי דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן סֵיי דִי מֵיידְלֶעךְ, זֵיי ווִילְן גֵיין אִין קֶעמְפּ. דִי עֶלְטֶערְן ווֵיינֶען אַז זֵיי הָאבְן נִישְׁט דִי גֶעלְט פַּאר דֶעם, זֵיי פְרֶעגְן מִיר אוֹיב זֵיי זֶענֶען מְחוּיָב צוּ בָּארְגְן גֶעלְט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן גֵיין אִין קֶעמְפּ? אִיז דָאס אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ? אִיז דָאס אַן אִיבְּרִיגֶע זַאךְ? אִיךְ קֶען נִישְׁט לָאזְן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת שִׁינְדְן דִי הוֹיט פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

בָּרוּךְ הַשֵׁם מִיר הָאבְן אֵייגֶענֶע פְּלֶעצֶער, עֶס אִיז אוֹיסְגֶעצָאלְטֶע קֶעמְפְּס. אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן הָאבְּן מִיר גֶעדַארְפְט גֵיין יֶעדֶעס יָאר גָלוּת לַיידְן, דִינְגֶען קֶעמְפְּס, דִינְגֶען קָאנְטְרִיס - הָאבְן מִיר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה. יֶעצְט אַז מִיר הָאבְן אֵייגֶענֶע קֶעמְפְּס - וֶועלְן דִי עֶלְטֶערְן קֶענֶען שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אָן דַארְפְן וֶוערְן בַּעֲלֵי חוֹבוֹת.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## מִנְהָגִים אִין טָאג פוּן מַאכְן חַאלַאקֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט׳ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי טָאג וָואס מֶען מַאכְט פֵּיאוֹת פַּארְן קִינְד - גֶעבְּט מֶען אַכְטוּנְג עֶר זָאל נִישְׁט זֶען קַיין גוֹיִם. עֶס זֶענֶען דָא וָואס פִירְן זִיךְ, מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיפְן קִינְד עֶר זָאל אוֹיךְ נִישְׁט זֶען קַיין פְרוֹיעֶן; בַּיי אוּנְז אִיז מֶען נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם, בַּיי אוּנְז גֶעבְּט מֶען אַכְטוּנְג דָאס קִינְד זָאל נִישְׁט זַיין קַיין גוֹיִם.

מַאכְט נִישְׁט קַיין עִיקָר פוּן טָפֵל אוּן טָפֵל פוּן עִיקָר, דֶער עִיקָר בַּיים אָפְּשֶׁערְן אִיז אֵיין זַאךְ: ׳דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען הָאט אַ גֶעזוּנְט קִינְד אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה אִים צוּ מַאכְן הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט׳, אוּן מֶען בֶּעט פַאר אִים אוּן פַאר אַלֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

בְּרֶענְגְט אִים אַ פּוּשְׁקֶע עֶר זָאל יֶעדְן טָאג לֵייגְן פְּרוּטוֹת לִצְדָקָה, אוּן וֶוען עֶס וֶועט זִיךְ אָנְזַאמְלֶען אַ שֵׁיינֶער סְכוּם זָאל עֶר דְרוּקְן אַ קוּנְטְרֵס אָדֶער סֵפֶר וָואס וֶועט מְזַכֶּה זַיין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...